STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04852

MAYN KUK OYF GESHIKHTE

Leybl Feldman

Permanent preservation of this book was made possible
by Stanley & Jo-Ann Middleman
in memory of
Israel & Mary Shapiro Carson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין קוק אויף געשיכטע

"Mein Kuk Oif Gesichte"
By L. Feldman
Johannesburg, South Africa
1967

לייבל פעלדמאַן

מיין קוק אויף געשיכטע

אַנאַליטיש־
היסטאָרישער
עסיי

יאָהאַנעסבורג — דרום אַפריקע — 1967

פון זעלבן מחבר: —

ייִדן אין דרום־אפריקע — ווילנע, 1937.
אוידטסהאָרן — ירושלים ד׳אפריקע — יאָהאַנעסבורג, 1941.
100 יאָר אינדיער אין דרום־אַפריקע (1960—1860) — יאָהאַנעסבורג, 1961.
מאָצודי. — ווי אזוי איך בין געוואָרן אַ דימענט־גרעבער — יאָהאַנעסבורג, 1962.
ישראל — ווי איך זע עס — יאָהאַנעסבורג, 1965.
ייִדן אין יאָהאַנעסבורג — יאָהאַנעסבורג, 1960.

אַ מתנה מײַנע קינדער

די דאָזיקע אַרבעט נעמט אַרום תקופות ביזן סוף פון 19טן יאָרהונדערט

1.

להיפך צום אַמאָל, לעבן מיר היינט אין אַ צייט ווען הונדערטער מיליאָנען מענטשן קענען לייענען, שרייבן און האָבן אַ סך מער געלעגנהייטן און מיגלעכקייטן צו אָבסערווירן, פאַרשטיין און אָפּשאַצן דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין און אַרום אונדז. גאָר אַ סך פאַרשרייבן, פאַרצייכענען און אַנאַליזירן די געשעענישן וועלכע קומען פאָר. און אַזוי ווי קיין זאַך בלייבט ניט סטאַטיש, אַנטוויקלט זיך אַ פּראָצעס פון איבעראַנדערשונגען. אָט דער פּראָצעס הייסט — געשיכטע. ווען מיר ריידן וועגן געשיכטע, מיינען מיר דעם לעבנס־פּראָצעס פון די מענטשן און פון דער מענטשהייט גופא.

אַנטראָפּאָלאָגיע איז די ביאָלאָגישע אַנטוויקלונג פון מענטשן, און געשיכטע איז דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער מענטשהייט.

קודם־כל שטעלט זיך די פראַגע, וואָס זיינען געווען די הויפּט־פאַקטאָרן און מאָטיוון, וועלכע האָבן באַווירקט און באַווירקן אויך איצט דעם גאַנג פון געשיכטע ?

סוף פון 18טן און הויפּטזאַכלעך אין 19טן יאָרהונדערט זיינען טויזנטער ביכער געשריבן געוואָרן וועגן געשיכטע.

צווישן די פיל היסטאָריקער זיינען געווען גרויסע פּערזענלעכקייטן — געניאַלע דענקער, פאָרשער, מענטשן מיט ענציקלאָפּעדישן וויסן, מענטשן וועלכע האָבן געווידמעט זייער גאַנץ שאַפעריש לעבן צו שטודירן געשיכטע. מיך האָט באַוועגט צו פאַרטיפן זיך אין אָט דער טעמע דער פאַקט, וואָס מיר לעבן אין אַ מוראדיק־שנעלער תקופה. עס איז פשוט שווער פאָר היינטיקע מענטשן, און עס וועט זיין אַ סך שווערער פאָר די צוקונפטיקע דורות צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די רעדער פון געשיכטע האָבן זיך, ביז אַן ערך צוויי הונדערט יאָר צוריק, אַזוי לעטאַרגיש באַוועגט.

געצנדינערייִ, אַבערגלויבנס און רעליגיע האָבן במשך פון טויזנטער יאָרן באַהערשט די וועלט. טאָ ווי קומט עס, וועט דער יונגער דור פרעגן, וואָס די אַלע לערעס, געבאָטן און טעסטאַמענטן פון אַלע רעליגיעס האָבן קיין ראַדיקאַלע ווירקונג ניט געהאַט: משה — יידישע (דער אַלטער טעסטאַמענט); קריסטוס — קריסטלעכע (דער נייער טעסטאַמענט); מוחמדס — איסלאַמישע (דער קאָראַן — גאָטס וואָרט); בודאַ — בודאַאיזם; קאָנפוציוס — קאָנפוציוסיזם; הינדואיזם — מיט די פיל געטער (ווי צב״ש בראַהמאַ: שאַפן — באַשאַפן); ווישנו (פאַרזעצן — קאָנטינואיטעט) און סיווא (פאַרשווינדן — פאַרניכטן);

שינטעאיזם (דער וועג צו גאָט) — די רעליגיע פון פּאַטריאַטיזם (דער יאַפּאַנע־זישער קיסר פלעגט באַטראַכט ווערן ווי די זון (זונשיין), און נאָך אַנדערע רע־ליגיעס.

לערערס, רעליגיעזע פּרעדיקער, נביאים, רעליגיעזע פירערס און מוסרני־קעס און די סך טויזנטער רעליגיעזע ביכער און קאָמענטאַרן — האָבן כמעט קיין ווירקונג ניט געהאַט אויף די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש.

די נביאים — די וויזיאָנערן — זיינען געווען מאָראַל־פּרעדיקער פון זייער דור. זיי האָבן רעוואָלטירט קעגן די נידערטרעכטיקייטן, אומרעכט און גזלנות וואָס האָבן געהערשט. זיי זיינען געווען די וואָרטזאָגערס פון די אָרעמע, באַ־עוולטע און פאַרשקלאָפטע. די נביאים זיינען געווען די וועקערס, די שטרענגע שטראָפערס און גערעכטיקייט־מאָנערס. זיי האָבן שטאַרק געשטראָפט אַלעמען, אַריינגעמענדיק די אָנפירערס, וועלכע באַגייען אומרעכט און לעבן אין שקר.

אָט וואָס דער נביא מיכה האָט געזאָגט צו די הערשער:

„הערך! יהוה רופט צו דער שטאָט!

„קען איך נאָכאַנאַנד פאַרגעסן דאָס הויז פון דעם אומגערעכטן?"

„קען איך ריין מאַכן פאַר אומגערעכטע וואָגשאָלן?"

„וואָרום אירע רייכע לייט זיינען פול מיט רויב, און אירע באַוווינער ריידן פאַלש, און זייער צונג איז באַטרוג אין זייער מויל".

„...הערט אָקאָרשט צו, איר קעפּ פון יעקב און פירער פון הויז פון ישראל: ליגט ניט אויף אייך צו וויסן גערעכטיקייט?"

„איר, וואָס האָט פיינט גוטס און האָט ליב שלעכטס: איר טרעט אויפן אָרעמאַן".

„איר וואָס פאַראומווערדיקט גערעכטיקייט און פאַרדרייט אַלץ וואָס איז גלייך".

„אַלע לויערן זיי אויף בלוט, איינער דעם אַנדערן פאַנגען זיי אין נעץ".

דער נביא עמוס:

„יהוה וועט אייך שטאַרק שטראָפן, פאַרוואָס ער האָט נאָכגעיאָגט זיין ברודער מיטן שווערד". און „פאַר זייער פאַרקויפן פאַר געלט דעם גערעכטן און דעם אביון פאַר אַ פּאָר שיך. זיי, וואָס ווילן איינשלינ־גען דעם שטויב ערד אויפן קאָפּ פון די אָרעמע און דעם וועג פון די געדריקטע פאַרדרייען זיי.

וואָרום זיי וויסן ניט צו טאָן רעכט — זאָגט גאָט, — זיי זאַמלען גזילה און רויב אין זייערע פּאַלאַצן. הערט דאָס צו, איר וואָס ווילט איינ־שלינגען דעם אביון".

דער נביא ישעיה:

„קען אַ האַק זיך רימען קעגן דעם וואָס האַקט מיט איר? וויי, די וואָס קריצן געזעצן פון אומגליק, און שרייבער וואָס האָבן אומרעכט געשריבן, כדי אָפּצונייגן פון מישפּט די באַדערפטיקע, און גזלען דאָס רעכט פון די אָרעמע פון מיין פאָלק. ער (גאָט) וועט מישפּטן מיט גערעכטיקייט די אָרעמע און אַנטשיידן מיט יושר פאַר די געדריקטע פון לאַנד"[1].

דער נביא ישו הנוצרי (קריסטוס):

„עס איז לייכטער פאַר אַ קעמל דורצוגיין דורך דעם לעכל פון אַ נאָדל, איידער פאַר אַ רייכן אריינצוקומען אין הימל". „געבענטשט זיינען די וועלכע ווערן פאַרפאָלגט צוליב גערעכטיקייט־וועגן. די הימלשע קעניגרייך געהערט צו זיי"[2].

דער היסטאָריקער רענאַן זאָגט אָט וואָס וועגן די נביאים:

„די נביאים האָבן פאַרוואַנדלט אַ שבט־גאָט אין אַ גערעכטן אוני־ווערסאַלן גאָט. זיי האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר די אָרעמע און באַעוולטע. זיי זיינען געווען די גרינדער פון רעליגיעזן הומאַניזם — די פאָרגייער פון קריסטוסן". „די נביאים זיינען געווען די וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט פּסולת אין גאָלד און האָבן ארויסגעבראַכט די אידעע פון עטישן מאָנאָטעאיזם"[3].

מיט איבער 2.500 יאָר צוריק האָט קאָנפוציוס געפּרעדיקט, אז „דו זאָלסט ניט טאָן צו דיין מיטמענטש דאָס, וואָס דו ווילסט ניט, אז ער זאָל טאָן צו דיר". אַן ענלעכן געדאַנק האָט אַרויסגעזאָגט הלל הזקן מיט אַן ערך 2.100 יאָר צוריק: „דו זאָלסט נישט טאָן צו קיינעם דאָס, וואָס דו ווילסט נישט, אַז מען זאָל טאָן צו דיר. דאָס איז דער תמצית פון דער תורה, און דאָס איבעריקע זיינען בלויז קאָמענטאַרן". קאָנפוציוס האָט אויך געזאָגט, אז „אַ מלוכה וואָס אונטערדריקט איז שוידערלעכער און אַ סך שרעקלעכער פון אַ טיגער". קריסטוס האָט געפּרעדיקט ליבע און גוטסקייט פון מענטש צו מענטש, און אַז מען דאַרף ניט טאָן שלעכטס אַפילו דעם שונא. איסלאַמיזם האָט געפּרעדיקט ברידערלעכקייט.

אָבער אַלע, אַלע עטישע און מאָראַלישע געבאָטן פון אַלע רעליגיעס, מיט גאָר ווייניק אויסנאַמען, זיינען אין לעבן גופא ניט דורכגעפירט געוואָרן. עס

[1] אַלע ציטאַטן לויט יהואשס איבערזעצונג.
[2] פון דער „באַרג־דרשה" פון קריסטוסן.
[3] לויט ג. פּ. גוטס אין "History and Historians of the 19th century" (אַ רעזו־מירונג פון ערשטן באַנד פון רענאַנס „די געשיכטע פון די איזראַליטן" — ל. פּ.).

זיינען די גאַנצע צייט פאַרגעקומען בלוטיקע, באַרבאַרישע מלחמות. עס זיי־נען אויך פאַרגעקומען גזלנישע ברוטאַלע אונטערדריקונגען און פאַרשקלאַ־פונגען פון מענטש.

די הערשער און מאַכטהאָבער, וועלכע זיינען, לויט די רעליגיעזע פירערס, פון גאָט באַשטימט, האָבן זיך מיט די עטישע און מאָראַלישע אני־מאמינס פון אַלע רעליגיעס ניט גערעכנט, ווייל דאָס וואָלט דאָך שטאַרק געשטערט זייער דורשט נאָך מער מאַכט און מער באַזיץ.

דער הויפּט־געדאַנק פון די רעליגיעזע און די אַנדערע הערשער איז גע־ווען, אַז גאָט איז דער באַשאַפער פון אוניווערס און איז דער הערשער איבער אַלץ און אַלעמען. „גאָט און זיין משפט איז גערעכט”, און קיינער קען זיך ניט שטעלן קעגן זיין ווילן. טענות צו גאָט האָט מען טאָלערירט נאָר דאַן, אויב זיי זיינען געווען אין גייסט און אָנערקענונג פון גאָטס מאַכט. בודאאיזם האָט דאָס אויך ניט טאָלערירט. בודאאיזם האָט געפּרעדיקט נערוואַניזם. יעדן מענטשנס שיקזאַל איז פון גאָט פאָרויס באַשטימט. די קלעריקאַלן האָבן גע־פּרעדיקט און געפאָדערט אונטערטעניקייט צו גאָט און די הערשער. שלאָגט מען דיר אין איין באַק, און דאָס באַפרידיקט ניט דעם שלאָגער, שטעל אונ־טער די צווייטע באַק.

כדי צו פאַרשטאַרקן דעם מענטשנס אונטערטעניקייט צו גאָטס מאַכט, האָט מען דעם מענטשן פאַרוואַנדלט אין אַ הילפלאָזן מילבּ. מען האָט אָנגעפירט אַ גרויל־פּראָפּאַגאַנדע קעגן גאָט־לעסטערערס.

דאָס לעבן פון אַ מענטשן אויף דער וועלט איז אַ צייטווייליקער דורכגאַנג צו יענער וועלט, צו דער אמתער וועלט, צום עולם הבא — ווו עס איז גאָטס גרויסע קעניגרייך.

מען האָט צעטיילט דעם מענטשן אין צוויי טיילן — אין אַ גוף און אַ נשמה. ווען דער מענטש שטאַרבט, שטאַרבט נאָר דער גוף — דער קערפּער, די נשמה אָבער גייט אַרויף אויפן הימל — אויף יענער וועלט. אויף יענער וועלט איז דאָ — אַזוי צו זאָגן — אַ „קאָמפּיוטער” ווו יעדן מענטשנס מיצוות און עבירות זיינען פאַרצייכנט און צונויפגערעכנט, און לויט דעם חשבון ווערט דאָרט יעדער מענטש געמישפּט. גוט איז די, האָבן זיי געזאָגט, וועלכע ווידמען זייער לעבן און דינסט צו גאָט, און זיינען אונטערטעניק צו אים, זינגען לויבגעזאַנגען צו דעם באַשאַפער און צו די הערשער פון דער וועלט. זיי בעטן הכנעהדיק מחילה דורך פאַסטן, ווערן נזירים, פּייניקן זיך פאַר זינד וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, אָדער פאַר זינדיקע רעיונות קעגן גאָט. זיי זיינען גרייט מקריב צו זיין זייער לעבן „על־קידוש־השם”. פאַר אָט די גאָט־פאַרכטיקע מענטשן איז דאָרט דאָ אַ גן־עדן. אָבער פאַר די זינדיקע איז אויף יענער וועלט דאָ אַ גיהנום. און פּונקט אַזוי ווי אַ העלפאַנט קען ניט דורכגיין דורך דעם לעכל פון אַ נאָדל אַזוי קען ניט אַ גאָט־זינדיקער מענטש אַריין אין גן־עדן.

מיט גרויזאַמער מורא האָט מען געשראָקן די גאָט־זינדיקע, אַז דאָרט, אין גיהנום, הערשן דער אַשמדאַי, שדים און בייזע רוחות. דאָרט פּייניקט מען די זינדיקע, מע שמייסט מיט אייזערנע ריטער, מען האַלט די זינדיקע אין קאָכיקער סמאָלע, אאַ״וו.

די קלעריקאַלע טעאָרעטיקער, די הערשער און מאַכטהאָבער האָבן געשאַפן אַ גרויסע ליטעראַטור, אַזוי צו זאָגן, אַרום דעם הערלעך־שיינעם גן־עדן און דעם אכזריותדיקן גרויל פון גיהנום. עס האָבן זיך געשאַפן אַ סך לעגענדעס, אַבערגלויבנס, אָנשרעקענישן, גרוילקייטן און אימה אַרום דעם שטראָףקאָדעקס פאַר גאָט־לעסטערערס און זינדיקע — אויף יענער וועלט.

אַנדערע רעליגיעס האָבן באַשאַפן אַ גילגולים־פּראָצעס, תחיית המתים, רעאינקאַרנאַציע — ווען זינדיקע וועלן ווידער געבוירן ווערן אין פאָרעם פון חיות, אַפילו אין „שאַרקס“ ביז וואַנען זיי וועלן גערייניקט ווערן פון די זינד קעגן גאָט.

2.

מיט טויזנטער יאָרן צוריק זיינען שוין געווען דענקער, פילאָסאָפן, גענ־יאַלע הומאַניסטן, קעמפער פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט וואָס האָבן געהאַט אַן אוניווערסאַלן קוק אויפן לעבן. דער גרויסער סאָציאַלער רעפאָרמער און געזעצגעבער משה רבינו האָט אַריינגעפירט אין אַ גרויזאַם־פאַרשקלאַפטער וועלט אַ רו־טאָג (שבת) אין דער וואָך. אויך דער גרויסער דענקער און וויזיאָנער ישעיהו האָט מיט 2.700 יאָר צוריק גערעדט וועגן אַן אוניווערסאַלן שלום: „עס וועט קומען אַ צייט ווען מענטשן וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הייבן קיין שווערד, און מען וועט מער ניט לערנען מלחמה“. אַריסטאָטעל — דער גרויסער מאָראַליסט, מענטשן־פריינד און פּאָליטיקער — האָט מיט אַן ערך 2.300 יאָר צוריק זייער פיל געשריבן וועגן מענטשלעכער ווירדע, גערעכטיקייט און קעגן גוואַלדטאַטן, ווי „קאָנפליקטן, וועלכע צעטרייסלען די געזעלשאַפט און שאַפן געשיכטע, דרייען זיך אַרום די אינטערעסן פון די פאַרשיידענע קלאַסן אין דער געזעלשאַפט“... „אָרעמקייט איז דער פאָטער פון רעוואָלוציעס און פאַרברעכן“[4]).

אַ סך פון אַריסטאָטעלס געדאַנקען וועגן גערעכטיקייט, יושר, מענטשלעכער ווירדע און דעמאָקראַטיע זיינען נאָך היינט לעבעדיק און פריש — און זיינען אָן צווייפל אַ סך וואָגיקער ווי ביי דאָס רוב פילאָסאָפישע היסטאָריקער פון 18טן און 19טן יאָרהונדערט.

[4]) אינטערעסאַנט איז, וואָס אַריסטאָטעל האָט ערשט אין זיין צוואה איבערגעלאָזן אַז מ׳זאָל באַפרייען זיינע שקלאַפן.

אַריסטאָטעלס רבי, פּלאַטאָ, האָט אין זיין „רעפּובליק" געגעבן אַן אידע־אַלע אויטאָקראַטישע סענטימענטאַלע פאַנטאַזיע ווי אַזוי מענטשן זאָלן לעבן. פּלאַטאָ שטעלט זיך אָפּ אויף די פּרינציפּן פון עטיק און יוסטיץ און קומט צום אויספיר, אַז יעדער מענטש האָט אַ פליכט מיט מעשים אַרויסצוווייזן זיינע עטישע פּרינציפּן צום מיטמענטש.

אין אָנהייב פון 16טן יאָרהונדערט האָט טהאָמאַס מאָר אָנגעשריבן אַ גרויס ווערק אונטערן נאָמען „אוטאָפּיע", וווּ ער פאַנטאַזירט פון אַ געזעלשאַפט פון גערעכטיקייט און ראָמאַנטיזירט וועגן אַ שענערער סאָציאַלער אָרדענונג אין קעגנזאַץ צו דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער אַליין האָט געלעבט.

חוץ די עטלעכע אויבנדערמאָנטע זיינען געווען נאָך אַ סך דענקער און פילאָסאָפן און מאָראַל־פּרעדיקער.

כמעט אין יעדן יאָרהונדערט זיינען דערשינען דענקער וועלכע האָבן באַקעמפט דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

די שיינע הומאַניטאַרע און עטישע לערעס פון די גרינדער פון די פיל רעליגיעס און זייערע קאָמענטאַטאָרס, מאָראַליסטן, פילאָסאָפן, דענקער און וויזיאָנערן זיינען פאַר טויזנטער יאָרן געהאַנגען אויפן הימל, אַזוי צו זאָגן, ווי אַ שיינער רעגן־בויגן און ווי אַ צוזאָג פאַר אַ „יענער וועלט". די הערשער, מאַכטזוכער, די גרויסע און קלענערע אייגנטום־באַזיצערס און קלעריקאַלן האָבן פאַרקריפּלט די קאַרדינאַלע הומאַניטאַרע און עטישע פּרינציפּן פון די גרינדער פון אַלע רעליגיעס. זיי האָבן, מיט ווייניק אויסנאַמען, איגנאָרירט אַפילו די קאַרדינאַלע געבאָטן און פּרינציפּן פון דער רעליגיע, ווי צב"ש לא תרצח — דו זאָלט ניט הרגענען קיין מענטשן, זאָלסט ניט גזלען און זאָלסט ניט באַגיין קיין אומרעכט קעגן דיינע מיטמענטשן.

טויזנטער יאָרן האָבן געהערשט אוממענטשלעכער באַרבאַריזם, שקלאַפעריי, בלוטיקע מלחמות זיינען שטענדיק פאָרגעקומען.

מלחמות, בלוט־פאַרגיסונג און גזלנות זיינען געוואָרן סימבאָלן פון העלדישקייט. קריג איז געוואָרן „דער ספּאָרט פון די הערשער", און די שווערד איז געוואָרן די לייזונג פאַר פּראָבלעמען.

טשינגאַס כאַן, וואָס האָט פאַרגאָסן טייכן מענטשלעך בלוט, ווערט באַצייכנט געשיכטלעך, ווי דער זיגער און באַזיגער.

3.

דאָס אַן ערך איז די סיבה פאַרוואָס די רעדער פון פאַרויסגאַנג האָבן זיך אַזוי גרויזאַם פּאַמעלעך געדרייט, ווייל, ווי געזאָגט, די אייזן־פעסטע און ברוטאַלע הערשאַפט האָט געהאַלטן דעם עולם אין פאַרשקלאַפטער אָרעמקייט, און מ׳האָט ביי די מענטשן אָפּגעטעמפּט דעם נאַטירלעכן ווילן צו קעמפן קעגן שקלאַפעריי און פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען.

אָבער קיין זאַך בלייבט ניט סטאַטיש.

אין פּראָצעס פון יאָרן האָבן מענטשן גענומען בעסער פאַרשטיין און וויסנשאַפטלעך אַנאַליזירן די נאַטור־געשעענישן. זיי האָבן געלערנט ווי צו באַזיגן נאַטור־שטערונגען דורך דערפאַרונגען, פאַרשטיין בעסער זייער סביבה און אויך מער אָפּשאַצן די באַגריפן פון גוטס און שלעכטס.

פּונקט ווי עס איז נאַטירלעך צו קעמפן קעגן און זיך באַפרייען פון ווייטאָגן, און אויך ווי עס ליגט אין דער נאַטור פון מענטשן צו האָבן אַ ווידערגעפיל קעגן שמוץ — פּונקט אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאַרלאַנג צו באַפרייען זיך פון די גרויזאַמע ליידן, הונגער און שקלאַפעריי אין וועלכע מענטשן האָבן זיך געפונען. און דאָס איז געשען ניט געקוקט אויף זייער מאַכטלאָזיקייט, הילפלאָזיקייט און די גוואַלדיק־גרויסע שטערונגען און שטראָף, וואָס זיי איז פאַרגעשטאַנען.

צו פאַרשקלאַפונג, טעראָר און מורא — ווי צו פינצטערניש — ווערט מען פאַר אַ געוויסער צייט צוגעוווינט. אָבער אין דער פינצטער וואַקסט דער פאַרלאַנג וואָס גיכער זיך צו באַפרייען פון דער לאַגע. און מיטן פאַרלאַנג צוזאַמען וואַקסט אויך דער צאָרן, וואָס שטאַרקט דעם פאַרלאַנג צו פאַרבעסערן דעם לעבנס־שטייגער — דאָס איז דאָס שטרעבן זיך צו באַפרייען פון הונגער, ליידן און קנעכטשאַפט.

וואָס מער די מענטשן זיינען געוואָרן באַוווסטזיניק, אַלץ שאַרפער האָבן זיי געפילט זייערע ליידן און געוואָלט צערייסן די קייטן פון שקלאַפעריי. אַלץ אָפטער זיינען פאָרגעקומען אויפשטאַנדן. מע האָט רעוואָלטירט, נישט געקוקט אויף דעם וואָס יעדער אויפשטאַנד איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט.

איינער פון די גרעסטע שקלאַפן־אויפשטאַנדן, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט ממש אין אַ מלחמה קעגן די הערשער, איז געווען דער אויפשטאַנד אונטער דער אָנפירונג פון ספּאַרטאַקוס, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אַן ערך צוויי טויזנט יאָר צוריק (71 יאָר פאַר דער אָנגענומענער צייט־רעכענונג). איבער זעכציק טויזנט שקלאַפן האָבן אַנטייל גענומען אין קאַמף, וואָס האָט געדויערט אַן ערך צוויי יאָר. ספּאַרטאַקוס איז דערהרגעט געוואָרן און זיין אַרמיי איז געוואָרן באַזיגט. זעקס טויזנט אויפשטענדלער האָט מען אויף ביימער גע־

קרייציקט, כדי אַלע זאָלן זען און עס זאָל דינען ווי אַ מוסר־השכל פאַר יעדן וואָס וועט וועלן רעוואָלטירן קעגן דער מאַכט.

עס זיינען פאָרגעקומען אויפשטאַנדן כמעט אין יעדן לאַנד. די אַלע אויפשטאַנדן און די אידעען פון פרייהייט וואָס זיי האָבן אַרויסגעהייבן, האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

עס זיינען אויך פאָרגעקומען אויפשטאַנדן קעגן רעליגיעזע אונטערדריקונגען. סיי די אויפשטאַנדן און סיי די כסדרדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַנטוויקלונגען האָבן אין גאַנג פון די יאָרן, ספּעציעל פון 17טן יאָרהונדערט, געשאַפן ענדערונגען אין די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען.

דער קיילעכדיקער שטייג, וואָס האָט געטריבן צו דער דערפינדונג פון רעדער פאַר טראַנספּאָרט, און שפּעטער — די דאַמפמאַשין, האָט געשאַפן פשוט אַ רעוואָלוציע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן.

אָבער די פאַרשקלאַפונג פון די מאַסן האָט אָנגעהאַלטן. עס האָבן זיך אַלץ מער באַוויזן פּאָליטיש־קולטורעלע הומאַניטאַרע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע און קאַמף פאַר מענטשנרעכט און פאַר פרייהייט — סיי שריפטלעך און סיי בעל־פּה. איינער פון זיי איז געווען דער פראַנצויז זשאַן זשאַק רוסאָ. אין זיין "Social Contract" איז רוסאָ אַרויסגעטראָטן זייער שאַרף קעגן דעם גלויבן, אַז אַלץ ווערט באַשטימט פון גאָט, אויך קעגן דער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג, און קעגן דעם, אַז הערשער זאָלן פאַרשקלאַפן מענטשן. ער האָט געפּרעדיקט, אַז אַלע מענטשן דאַרפן זיין פרייע און גלייכע בירגער פון לאַנד. מען מוז קעמפן קעגן דעם אָנגענומענעם געדאַנק, אַז דער ווערט פון מענטשן זאָל געמישפּט ווערן נאָר לויט זיין אייגנטום־באַזיץ. אַלע, זאָגט רוסאָ, דאַרפן אַרבעטן פאַרן וווילזיין פון לאַנד פון וועלכן יעדערער איז אַ טייל.

רוסאָ האָט געקעמפט ווי אַ ראַציאָנאַליסט און דעמאָקראַט קעגן דער קריסטלעכער אויטאָקראַטישער הערשאַפט.

4.

עס זיינען פאָרגעקומען נישט נאָר אויפשטאַנדן, נאָר אויך רעוואָלוציעס — למשל, אין ענגלאַנד, אין יאָר 1688, און אין אַנדערע לענדער. אָבער יענע רעוואָלוציעס זיינען נאָך געווען באַגרענעצט אין זייער פאַרנעם.

די וויכטיקסטע רעוואָלוציע, וואָס האָט שפּעטער אויפגעשטורעמט נישט נאָר פראַנקרייך, נאָר כמעט די גאַנצע מענטשהייט, איז געווען די פראַנצייזישע רעוואָלוציע אין 1789.

מע האָט ניט בלויז אַרונטערגעוואָרפן דאָס קיסרטום אין פראַנקרייך, נאָר מ׳האָט אויך צעשטערט דעם גאַנצן פונדאַמענט פון דעם אַלטן אויטאָקראַטישן סיסטעם.

די פראַנצייזישע רעוואָלוציע איז געווען אַ קאַמף פאַר גלייכהייט, ברידער־לעכקייט און פרייהייט. אָבער דער שווערפונקט איז געלייגט געוואָרן אויף גלייכהייט — קעגן די וואָס האָבן אַלץ און פאַר די וואָס האָבן גאָרנישט.

די פראַנצייזישע רעוואָלוציע האָט צעשטערט דעם הערשנדיקן באַגריף פון דער קלעריקאַלער מאַכט, נעמלעך, אַז דער גורל פון יעדן מענטש ווערט פאָרויס פון גאָט באַשטימט, אַזוי, אַז זיין שיקזאַל איז שוין אָנגעצייכנט. די פראַנצייזישע רעוואָלוציע האָט דעם מענטשן דערהייבן פון אַ מוראַשקע צו אַ בירגער, וואָס פאָדערט מענטשלעכע רעכט און ווירדע.

מע האָט גענומען איינפירן אַלגעמיינע (אוניווערסאַלע) בילדונג און אָפּ־טיילן די שטאַט פון דער קירך — אויך אין אַ סך אַנדערע לענדער אין אייראָפּע און צפון אַמעריקע.

טאָמאַס קאַרלייל אין זיין גרויס ווערק „די געשיכטע פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע״ זאָגט: „הונגער און נאַקעטקייט און מוראַדיקע אונטער־דריקונג, וואָס זיינען געלעגן שווער אויף 25 מיליאָן הערצער, דאָס — און ניט די באַליידיקטע געפילן און ווידערשפּרעכנדיקע שיטות פון פילאָסאָפן, רייכע קרעמערס, לאַנד־נאָבלמענער — איז געווען די הויפּט־סיבה פון דער פראַנ־צייזישער רעוואָלוציע — ווי עס וועט זיין דער פאַל אין אַלע אַזעלכע רעוואָלו־ציעס אין אַלע לענדער״.

דער היסטאָריקער לאָוועל (Lowell) האָט געזאָגט: „אין דער צייט וואָס אַלע פערסאָנאַזשן פון דאָס רוב היסטאָריקער זיינען ווי ליאַלקעס וואָס מ׳האָט אָנגעשטאָפּט מיט קלייען, זיינען אָבער קאַרליילס פערסאָנאַזשן אין „די גע־שיכטע פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע״ גאָר אַנדערש. ווען מ׳וואָלט זיי אַ שטאָך טאָן מיט אַ שפּילקע וואָלט נעמען פליסן בלוט״. נאָך עפּעס זאָגט לאָוועל: „די פראַנצייזישע רעוואָלוציע איז געווען אַ גרויסער שייטער־הויפן פון פראַנצייזישן פאַרפוילטן פעאָדאַליזם און אַ רעוואָלט קעגן דעם טייוול און זיינע מעשים״.

דער היסטאָריקער Michelet זאָגט: „אין דער פראַנצייזישער רעוואָלו־ציע איז געווען נאָר איין העלד — דאָס פאָלק״. און „אין פראַנקרייך האָבן די מענער געוווּנען די רעוואָלוציע אָבער די פרויען זיינען געבליבן אין די הענט פון די גלחים״. דער היסטאָריקער גרעץ זאָגט וועגן דער פראַנצייזישער רע־וואָלוציע אין זיין „געשיכטע פון די יידן״ אָט וואָס: „האָט דען אַ באַדייטונג־פולע געשעעניש (די פראַנצייזישע רעוואָלוציע), וואָס האָט זיך אויסגעווירקט בהדרגה אויף דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, געקענט פאָרקומען, אויב

עס וואָלט אין די פריערדיקע תקופות ניט געווען קיין לאַנגע קייט פון אויפ־טרייסלענדיקע פאַרברעכנס, גרויזאַמקייטן און אומגערעכטיקייטן, וועלכע זיי־נען באַגאַנגען געוואָרן דורך אַדללייט, דורך דער מאָנאַרכיע און קירך? די רעוואָלוציע איז געווען אַ נקמה־אַקט, וואָס האָט אין איין טאָג אָפּגעווישט די זינד פון אַ טויזנט יאָר".

די אָנפירערס פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע האָבן ניט געהאַט קיין אויסגעאַרבעטע, געאייניקטע און אָרגאַניזירטע פּלענער ווי אויסצובויטערן און קאָנסאָלידירן זייער דערפאָלג. עס זיינען אויפגעקומען שטאַרקע אידעאָ־לאָגישע און עקאָנאָמישע קאָנפליקטן צווישן די פאַרשיידענע גרופּירונגען, וועלכע האָבן פאַרמירט די רעוואָלוציע. מען האָט צעשטערט די אַלטע אָרדע־נונג און ניט געבויט קיין נייע.

די פעאָדאַלע פירערס, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון פראַנקרייך, האָבן אָרגאַ־ניזירט אין אויסלאַנד דעם קאַמף קעגן דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך. אַ שטאַרקער פּאַטריאָטישער נאַציאָנאַליזם האָט זיך געגומען אַנטוויקלען דורך דעם, וואָס די הערשער אין אייראָפּע האָבן מיט אַ גוואַלדיקער בייזקייט און מורא רעאַגירט אויף דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך און זי באַדראָט מיט קריג און אינוואַזיע. אַזוי אַרום האָט אַ מעכטיקע רעאַקציאָנערע כוואַליע אונטער דעם לאָזונג „פראַנקרייך איז אין גרויס געפאַר", דערטרונקען די רעוואָלוציע אין בלוט, און נאַפּאָלעאָן האָט מיט זיין אַרמיי און שווערד געוויזן דער וועלט די מאַכט פון פראַנקרייך.

אָבער טראָץ דעם וואָס די פראַנצייזישע רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן און פראַנקרייך איז באַהערשט געוואָרן פון רעאַקציע, האָט די רעוואָלוציע דאָך באַוויזן אָנצוצינדן אַ פאַקל פון קאַמף פאַר פרייהייט, וואָס האָט באַלויכטן כמעט די גאַנצע וועלט. „די פראַנצייזישע רעוואָלוציע איז די מוטער פון אַ נייער געזעלשאַפט".

קיין געשעעניש אין דער געשיכטע האָט ניט געהאַט אַזאַ אַרומנעמענדיקע ווירקונג אויף דער מענטשהייט ווי די גרויסע פראַנצייזישע רעוואָלוציע. זי האָט געשאַפן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע — מען איז אַריבער פון לייב־אייגנטום און פעאָדאַליזם צו קאַפּיטאַליזם.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט באַזונדערס אויף דער פראַנצייזישער רעוואָלו־ציע, ווייל עס איז וויכטיק פאַר מיין טעמע. די וויכטיקייט איז דערפאַר, ווייל די רעוואָלוציע האָט צעשמעטערט די קייטן, וועלכע האָבן צוריקגעהאַלטן דעם פאָרויסגאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

דאָס אייל, וואָס האָט באַוועגט די רעדער פון דער געשיכטע נאָך דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, איז געווען דאָס מענטשלעכע שטרעבן און קאַמף פאַר אַ מער גערעכטער, בעסערער און שענערער וועלט.

5.

אָבער נאָך דער רעוואָלוציע זיינען נאָך אַלץ פאַרבליבן שקלאַפעריי און עקספּלואַטאַציע אומעטום.

לאָמיר נעמען, למשל, צוויי פון די פאָרגעשריטנסטע לענדער ווי ענגלאַנד און צפון־אַמעריקע.

אין ענגלאַנד — אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט, אין דער צייט פון איר אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, ווען איר רייכקייט צוליב דער אינדוסטריאַליזאַציע האָט זיך מער ווי פאַרצענפאַכט — האָט געהערשט אַן אוממענטשלעך־גרויזאַמע עקספּלואַטאַציע. דאָס איז געווען אַן ערך זעקס הונדערט יאָר נאָך דער דעקלאַראַציע פון „מאַגנאַ־קאַרטאַ" ("Magna Carta") — די גרויסע און וויכטיקע דעקלאַראַציע פאַר מענטשנרעכט און דעמאָקראַטיע. קינדער פון פינף יאָר אַלט און פרויען פלעגן אַרבעטן אין די קוילן־גרובן, אין די איבער־געהיצטע פייער־שפּייענדיקע גלאָז־פאַבריקן און אין די זייד־פאַבריקן צוועלף שעה אַ טאָג. די קינדער און די פרויען פלעגן שלעפּן קוילן פון אַזעלכע פלע־צער אין די קוילן־גרובן, וווּ די פערד פלעגן ניט קענען צוקומען. און אַט די 5־יאָריקע קינדער פלעגט מען אָפט שלאָגן ווען זיי פלעגן ניט צופרידנשטעלן דעם בייזן אויפזעער. די אַרבעט־באַדינגונגען פון די 5־יאָריקע קינדער זיינען געווען אַזוי שלעכט, אַז ווייניק פון זיי האָבן דערלעבט דעם עלטער פון 15 יאָר. ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאָלק־פּראָטעסט קעגן אָט דעם באַרבאַריזם האָט מען אין 1834, דורך אַ געזעץ אין פאַרלאַמענט, פאַרקלענערט די אַרבעט־שעהן. אין 1842 האָט מען אינגאַנצן פאַרבאָטן קינדער און פרויען צו אַרבעטן אין די קוילנגרובן. ווען מ׳האָט אין 1850 דורכגעפירט אַ געזעץ, אַז קינדער און פרויען דאַרפן אַרבעטן נאָר 10 שעה אַ טאָג אין די פאַבריקן, האָט זיך אויפגעהייבן אַ ביטער־שאַרפער פּראָטעסט מצד די קוילנמאַגנאַטן און פאַבריקאַנטן, מאָטיווירנדיק, אַז דער פאַרלאַמענט האָט קיין רעכט ניט זיך אַריינצו־מישן אין די פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן זייערע, ווייל דורך דעם שטערט דער פאַרלאַמענט די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין לאַנד.

אין 1857 האָט דער העכסטער געריכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן באַ־שטעטיקט, אַז שקלאַפעריי איז באַרעכטיקט — דאָס איז אַ פאָרעם פון אַרבעט — און איז געזעצלעך[5].

דאָס איז געווען 81 יאָר נאָך דעם, ווי פּרעזידענט דזשעפערסאָן האָט אַרויסגעגעבן „די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט" (4טן אַפּריל 1776), אין וועלכער ס׳ווערט גאַנץ קלאָר געזאָגט „אַז אַלע מענטשן אָן אונטערשייד זיינען געבוירן מיטן זעלבן רעכט פאַר פרייהייט".

---

[5] אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַז די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז דאַן אַרויסגעקומען מיט אַ דעקלאַראַציע — „אַ געזעץ איז אַ געזעץ" און אַז מען מוז זיך אונטערוואַרפן דעם אורטייל פון הויכגעריכט.

6.

איידער דער אַלפאַבעט איז באַנוצט געוואָרן האָט מען שוין געשאַפן רוי־שטאָף פאַר געשיכטע דורך פאָלקלאָר — מעשיות, לעגענדעס, אַלעגאָריעס, אַנעקדאָטן, מיטאָלאָגיע, סימבאָלן, ניסים, צופאַלן און גאָר אַ סך אַבערגלויבנס.

שפּעטער צו, אַז מ'האָט דערפונדן דעם אַלפאַבעט (אָדער סימבאָלן), איז אויפגעקומען די לערע פון לייענען און שרייבן.

פאַר הונדערטער יאָרן איז עס אָבער געבליבן באַגרענעצט נאָר פאַר די פּריווילעגירטע פאַמיליעס פון די הערשער, פון דער אַריסטאָקראַטיע און פאַר דער רעליגיעזער היעראַרכיע. די רעליגיעזע פירערשאַפט, אפשר מער ווי אַלע אַנדערע, האָט גוט פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון געשריבענעם וואָרט. אַלע גייסטלעכע האָבן געמוזט לערנען לייענען און שרייבן, וואָס זיי האָבן שטאַרק אויסגענוצט פאַר זייערע פאַרצווייגטע אינטערעסן.

אויך פאַר די הערשער גופא איז עס געוואָרן אַ וויכטיקער מיטל און אַ געצייג.

די הערשער און אַריסטאָקראַטן האָבן געהאַט זייערע כראָניק־שרייבערס, וואָס זייער עובדה איז געווען צו פאַרנאָטירן די צייט־געשעעענישן און פאַרצייכענען די זאַכן, וועלכע זיינען נייטיק פאַר קיסרים און פירערס צו וויסן און געדענקען. אָט די כראָניק־שרייבערס האָבן געשאַפן בילדער פון זייער צייט, וועלכע זיי האָבן געמאָלט מיט פאָעטישע געפילן און פאַנטאַזיעס. די דאָזיקע כראָניקערס האָבן אָבער מיט זייער גאַנצן גייסט געדינט זייערע באַלעבאַטים, און דערפאַר טאַקע האָבן זיי געשריבן לויבגעזאַנגען און גלאָריפיצירט זייערע קעניגן און קריגסהעלדן.

זיי האָבן רעקאָרדירט די מיליטערישע און עקאָנאָמישע רייכטימער פון זייער לאַנד, אין דער זעלבער צייט אָפּגעשאַצט די פאַרמעגנס פון די שכנות־דיקע לענדער, מיט וועמען ס'וועט אפשר אויסקומען מלחמה צו האַלטן. מ'האָט געשריבן ביאָגראַפיעס פון פירערס און העלדן. די כראָניק־שרייבערס זיינען געווען די אומבאַקאַנטע און אומבאַטיטלטע וועג־ווייזערס, וועלכע האָבן פאַר־צייכנט פאַר די הערשער די פּלענער ווי אָנצופירן זייער ממשלה.

די באַוועגלעכע דרוקשריפט — דרוקעריי — וואָס עס איז אָנגענומען, אַז זי איז דערפונדן געוואָרן אין איראָפּע אין יאָר 1440 — האָט אויף שטענדיק פאַרזיכערט דעם מענטשנס גייסטיקע דערגרייכונגען (אין אַ זייער באַגרע־נעצטער מאָס האָט מען געדרוקט פון גראַווירטע האָלצבלאָקס נאָך פריער ווי די פאַרמעלע דאַטע). עס איז אָבער באַקאַנט, אַז אין כינע און אויך אין יאַפּאַן האָט שוין אַ פאָרעם פון דרוקן — אין די סימבאָלן „בלאָקס" — עקסיסטירט אַ סך הונדערטער יאָרן פריער.

אין אַלגעמיין האָט זיך דאָס דרוקן ביכער אין איראָפּע אָנגעהייבן אַן ערך

אין דער צווייטער העלפט פון 15טן יאָרהונדערט (די באַוווסטע גוטענבערגס ביבל איז געדרוקט געוואָרן אין 1454).

סיי די רעליגיעזע פירערס, סיי די מאַכטהאָבערס זיינען געוואָרן שטאַרק אַלאַרמירט און באַאומרואיקט מיט דער דערפינדונג פון דרוקעריי. זיי האָבן מורא געקראָגן דערפאַר, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אז דאָס דערשיינען פון מאַסן ביכער און אַנדערע דרוקזאַכן וועט שאַפן צו פיל „פרייהייט פון געדאַנק".

זיי האָבן, קענטיק, אויסגעאיבט אַ שטאַרקן דרוק קעגן דרוקעריי און געשאַפן אַזאַ לאַגע, וואָס חוץ פאַר די הערשער און דער רעליגיעזער מאַכט האָט די דרוקעריי־דערפינדונג געשפילט אַ קליינע ראָל ביז צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט.

די אָרגאַניזירטע רעליגיעזע דיקטאַטור און די ברוטאַלע ממשלה פון קיסרים און פרינצן האָבן זייער פיל אויסגענוצט די דערפינדונג פון דרוק, כדי צו פאַרשטאַרקן און אויסשפּרייטן נאָך מער זייער העגעמאָניע.

7.

עס זיינען אויפגעקומען דינאַסטיעס פון קיסרים און פרינצן, וואָס האָבן אויסגענוצט זייערע פּריווילעגירטע פּאָזיציעס אויף צו שטאַרקן און אויסברייטערן זייער הערשאַפט. ווי אַ ביישפּיל קען אונדז דינען פאָלגנדיקס: אין נעאַפּאָל (איטאַליע) זיינען אין אַ געוויסער צייט פון 17טן יאָרהונדערט געווען 119 פרינצן; 156 הערצאָגס (דיוקס), 173 מאַרקיזן און עטלעכע הונדערט גראַפן[6]). מ'האָט דאַן געבויט קאָסטבאַרע קירכן (געבעטהייזער). די צאָל גלחים אין די פאַרשיידענע טעאָלאָגישע אַנשטאַלטן איז כסדר געוואַקסן.

די קירכלעכע העגעמאָניע, די צוביבערקראַפט פון אַ גאָט אין די הימלען און די קעניגלעכע מאַכט — דאָס איז געווען אַ דריי־אייניקייט וואָס איז אַלע מאָל געגאַנגען צוזאַמען. פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען רייבונגען, אָפּטמאָל אפילו זייער שאַרפע, איבערהויפּט ווען דער קעניג אָדער קעניגין פלעגן אָננעמען אַן אַנדער רעליגיע אָדער אַן אָפּצווייג פון דער זעלבער, ווי צב"ש ווען אַ פּראָטעסטאַנטישער מלך איז אַריבער צום קאַטוילּיציזם אָדער פאַרקערט.

בכלל גענומען האָבן די הערשער פאַרוואַנדלט די ניט פּריווילעגירטע מאַסן, וואָס זיינען געווען איבער ניינציק פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, אין אַ בינשטאָק. אַלע אַן אויסנאַם האָבן געמוזט אַרבעטן און געווען געצוווּנגען צו זיין גרייט מקריב צו זיין זייערע לעבנס פאַר דער הערשאַפט און פאַר דער „גייסטיקער" רעליגיעזער מאַכט. אין די כסדרדיקע אכזריותדיקע מלחמות

[6]) Harold Acton in "The Bourbons in Naples."

האָבן דאָס פאַרשקלאַפטע פויערטום און בכלל די אָרעמע מאַסן, וואָס האָבן געליטן נויט און הונגער, צוגעשטעלט זייערע דורות פאַר דעם גאָט פון מלחמה־מולך.

דער ברוטאַל באַרבאַרישער סיסטעם איז נאָך מער שאַרפער געוואָרן אין מיטלאַלטער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַן ערך טויזנט יאָר: פון 5טן ביז צום 15טן יאָרהונדערט. דער מיטלאַלטער ווערט באַצייכנט ווי די פינצטערסטע עפּאָכע אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען דאָס לעבן פון מענטש האָט קיין ווערט ניט געהאַט.

8.

שוין ביים סוף פון מיטלאַלטער האָבן זיך גענומען באַווייזן די גאָר ערשטע שפּראָצונגען פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע. אָבער די ירושה פון מיטלאַלטער האָט נאָך געהאַט אַ גרויסע השפּעה.

אין 16טן יאָרהונדערט (1542) האָט דער א״ג צענטער פון „מענטשן־ליבע״, דער פויפּסט פּאָול דער דריטער, איינגעפירט די אינקוויזיציע, וואָס איז געווען אַזאַ מין רעליגיעז־סאַדיסטישע נשמה־רייניקונג. עס איז גוט באַוווּסט די געשיכטע פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, ווען מ׳האָט לעבעדיקערהייט פאַרברענט יידן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם קאַטוילישן גלויבן. גירוש שפּאַניע איז אַ גרויזאַם קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע. די אינקוויזיציע איז אָבער געווען ניט בלויז קעגן יידן נאָר אויך קעגן ניט־קאַטאָליקן און ניט־גלויביקע בכלל.

חוץ שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָט אויך אין האָלאַנד אין 16טן י״ה, אונטער דער ממשלה פון פיליפּ דעם צווייטן, געהערשט די אינקוויזיציע.

עס איז אינטערעסאַנט צו געבן די איינצלהייטן פון „אמונה־אַקט״ באַקאַנט אין דער געשיכטע פון האָלאַנד ווי דער “Act of Faith” — אַ דאָקומענט וואָס איז וויניק באַקאַנט. „ווען די אינקוויזיטאָרן האָבן אויסגעפירט זייער פונקציע און געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט מיט די אומגליקלעכע פּערזאָנען אין זייער רשות, פלעגט פּראָקלאַמירט ווערן אַן עפנטלעכע צערע־מאָניע, וואָס מ׳האָט זי אָנגערופן „אויטאָ־דע־פע״, און דאָס איז געווען אַ שוי־דערלעכער סעפּקטאַקל, פּלאַנירט אָנצוואַרפן טעראָר און שרעק״.

„דער טאָג ווען דער „אמונה־אַקט״ פלעגט דורכגעפירט ווערן, האָט דער גרויסער גלאָק פון דער קירך שוין אָנגעהייבן קלינגען פון פריען באַגינען און גערופן אַלע איינוווינער זיך פאַרזאַמלען, כדי אָנצוקוקן די אכזריותדיקע סצע־נעס. די דאָמיניקאַנער גלחים האָבן געטראָגן די פאָן־עמבלעם פון דער אינק־וויזיציע איז אָנגעפירט מיט דער פּראָצעסיע. פריער פלעגט מען אָפּפטרן די יעניקע וועמענס עבירות זיינען ניט געווען האַרב געגנוג אויף פאַרמשפּט צו

ווערן צו טויטשטראָף. נאָך דעם פלעגט זיך אָנהייבן די פּראָצעסיע פון די טויט־פאַרמשפטע".

„זיי פלעגט מען פירן דורך די הויפט־גאַסן, כדי דער עולם זאָל זיי קענען זען אויפן וועג צו דער תליה אָדער קירך, וווּ מען פלעגט פראַוון די צערעמאָניע פאַר דער עקזעקוציע. ווען מ'האָט אָנגעזאָגט די צום טויט־פאַרמישפּטע אַז די אינקוויזיציע קען זיי ניט געבן קיין באַגנעדיקונג, פלעגט אַ באַאַמטער צוגיין צו יעדן פון זיי און אים אַ קלאַפּ טאָן אויפן ברוסטקאַסטן — מיט דעם האָט ער באַצייכנט אַז די אינקוויזיציע־פירערשאַפט האָט אָפּגעטאָן איר אַרבעט. גלייך נאָך דעם פלעגט אַ באַאַמטער פון יוסטיץ־דעפּאַרטמענט, אין דער אָנוועזנהייט פון די אינקוויזיטאָרן, אָנטאָן די פאַרמישפטע אין קייטן".

„פריער פלעגט מען זיי פאַרשפאַרן אין טורמע אויף אַ פּאָר שעה. נאָך דעם פלעגט אַ באַאַמטער זיי ברענגען צום פאָרזיצער פון העכסטן געריכט, וועלכער פלעגט זיי פרעגן אין וועלכער רעליגיע זיי האָבן בדעה צו שטאַרבן. אויב דער ענטפער איז געווען, אַז זיי ווילן שטאַרבן אין דער קאַטוילישער רעליגיע, האָט דער ריכטער זיי אָפּגעשיקט צום עקזעקוציע־פּלאַץ, וווּ מ'האָט זיי פריער דערוואָרגן און דערנאָך פאַרברענט. אָבער אויב דער ענטפער איז געווען אַז זיי ווילן אויסהויכן זייער לעצטן אָטעם אין דער פּראָטעסטאַנטישער, אָדער וועלכער ניט איז אַנדער רעליגיע, האָט מען זיי פאַרברענט לעבעדיקערהייט"[7].

אָט־די סאַדיסטישע און בלוטדורשטיקע שטעלונג איז ניט נאָר געווען באַגרענעצט צו דער קאַטוילישער קירך. כמעט אַלע רעליגיעס האָבן זיך באַצויגן מיט בייזער פאַראַכטונג און געהאַט אַ באַרבאַרישן צוגאַנג צו ניט־גלויביקע אָדער אָנהענגער פון אַן אַנדער רעליגיע. די איסלאַמישע רעליגיע האָט אין נאָמען פון ברודערשאַפט באַזיגט אַ סך לענדער און פאַרגאָסן טייכן בלוט.

אָט דער מערדערישער דראַנג נאָך מאַכט און די וואַקכאַנאַליעס פון בלוט־פאַרגיסונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אין נאָמען פון גאָט — ווי גאָט וואָלט עס געוואָלט אַז זיי זאָלן אַזוי האַנדלען.

דאָס רוב רעליגיעס האָט מען אָנגעטאָן אין בונטע שיינע פעדערן פון ריטואַל און צערעמאָניעס, מ'האָט זיי אַרומגעוועבט מיט לעגענדעס און סתם אילוזיעס און זיי פאַרפּאַנצערט מיט אָן אַ שיעור דאָגמעס.

אַ סך רעליגיעזע ריטואַלן האָבן אָנגענומען קאָמישע און אויך טראַגישע פאָרמען. דערמאָנט זיך מיר אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד. ווען איך בין געווען אין אירלאַנד האָט מען מיר דערציילט אַזאַ פּאַסירונג: ווען אַ פרומער קאַטאָליק שטאַרבט פראַוועט מען אַ „וועיק" ("Wake") — דאָס איז אַ מין אַרויסלאָז־צערעמאָניע פאַר דעם בר־מינן. דער טויטער גייט איבער צו דער

[7] J. Mainwaring, "The Man and his World", ציטירט פון: "The Universal Magazine" March 1769.

הימלשער קעניגרייך. קרובים און פריינד פון אַנדערע שטעט און דערפער קומען צו דער צערעמאָניע. מ׳זאָגט תפילות און מען טרינקט בראַנפן. דער־ציילט מען, אַז אויף איינער אַזאַ „וועיק״ האָט מען זיך אַזוי שטאַרק אָנגעשי־כורט, אַז מ׳האָט דעם „בעל־שימחה״ אַליין — דעם בר־מינן — אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער, ווי ער וואָלט שוין דאָרט געווען איבעריק. אויף דעם אופן האָבן זיך כמעט אַלע רעליגיעס באַצויגן צו זייערע פאַרהייליקטע לערערס, וועמענס עטישע און מאָראַלישע פרינציפּן האָבן געשטערט דעם דראַנג נאָך מאַכט — מען האָט זיי פשוט „אַרויפגעוואָרפן״ אין הימלישן קעניגרייך.

9.

די רענעסאַנס־עפּאָכע איז געקומען נאָך דעם מיטלאַלטער, ווי אַ שאַרפע רעאַקציע קעגן די גרויזאַמעליידן אונטער דער הערשאַפט פון די קעניגן און פון דער רעליגיעזער מאַכט, וואָס האָט פאַר הונדערטער יאָרן געוועלטיקט איבער דער באַפעלקערונג מיט ווילקיר און טעראָר.

דער רענעסאַנס האָט געשאַפן אַ מיגלעכקייט אַרויסצוברענגען די אומצו־פרידנקייט פון דער מאַסע און איר פּראָטעסט קעגן דער הערשאַפט.

נייע עקאָנאָמישע פאַרשריטן האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען בײנאַנד מיט נייע דערפינדונגען. און ווי קליין זיי זאָלן ניט האָבן געווען, האָבן זיי דאָך גע־שטופּט די מענטשהייט פאָרויס — ביז דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט, ווי שוין פריער דערמאָנט, געשאַפן אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

נאַפּאָלעאָן, אין זיינע מלחמות און גרויסע זיגן, האָט באַהערשט פיל לענ־דער אין אייראָפּע, און ביז צו זיין מפּלה האָט ער אומגעבראַכט אַ סך לעבנס, נאָר ער האָט אויך, אין אַ געוויסער מאָס, מיטגעהאָלפן אומצוברענגען דעם אָפּ־געלעבטן פרימיטיוון פעאָדאַליזם.

אין דער לאַנגער געשיכטע פון דער מענטשהייט זיינען געווען טויזנטער קעניגן־הערשער. צווישן זיי איז אויך געווען אַ קליינע צאָל פעאיקע און פאַר־שטענדיקע קיסרים, וועלכע האָבן געוואָלט באַרייכערן זייערע לענדער און אויך פאַרבעסערן דעם לעבנס־שטייגער פון דער באַפעלקערונג. זיי האָבן, אַזוי צו זאָגן, געוואָלט עפענען אַ פענצטער פאַר פרישער לופט און ליכט אין דעם עיפּוש פון ברוטאַליטעט און פינצטערניש וואָס האָט דאַן געהערשט. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און די רעאַקציע האָט דאָס פענצטער כמעט צוריק פאַרמאַכט. אינגאַנצן פאַרמאַכן האָט מען עס שוין ניט געקענט צוליב דעם פאָרויסגייענדיקן אַנטוויקלונג־פּראָצעס אין דער וועלט. דער היסטאָריקער

י. לאָק (J. Locke) האָט געזאָגט: „אַמאָל איז געשיכטע געווען געשריבן פון די רייכע פאַר די רייכע״. מ׳האָט זיך ניט גערעכנט מיט די ליידן, הונגער, אָרעמקייט און פאַרשקלאַפונג פון די מאַסן. די מאַכט־באַזע פון די רעגירונגען איז געווען דער באַזיץ און דאָס רייכטום פון יחידים. „מענטשן וועלכע באַזיצן ניט קיין אייגנטום אָדער רייכקייט האָבן ניט קיין חלק אין דער מלוכה״ (י. לאָק) —און מ׳האָט זיך מיט זיי ניט גערעכנט.

10.

פון דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט אַן ערך, האָט דער יורש פון פעאָדאַליזם, דער קאַפּיטאַליזם, געהאַט אַ גרויסן אויפשטייג, הויפּטזאַכלעך אין אייראָפּע און די פאַראייניקטע שטאַטן. דער האַנדל מיט אַנדערע לענדער האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט. דער שיפן־פאַרקער איז שטאַרק געשטיגן. מ׳האָט גענומען שיקן סחורות אין ווייטע לענדער און די שיפן האָבן פון דאָרט צוריק געבראַכט רוי־מאַטעריאַלן, מינעראַלן א״א זאַכן, וואָס אייראָפּע און די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן ניט פאַרמאָגט. אינדוסטריע האָט גענומען שפּילן אַ גרויסע עקאָנאָמישע ראָל.

עס איז געווען אַ צייט, ווען די מער מיליטעריש, עקאָנאָמיש און קולטור־רעל אַנטוויקלטע לענדער האָבן גענומען באַזיגן און אַנעקסירן פּרימיטיווע און הינטערשטעליקע לענדער, ווי אויך קליינע און שוואַכע מלוכות, און פון אָט די פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס געשאַפן פאַר זיך קאָלאָניעס און אימפּעריעס. מ׳האָט גענומען עקספּראָפּריאירן די נאַטירלעכע רייכטימער פון די ניי־דער־וואָרבענע לענדער און עקספּלואַטירן זייער באַפעלקערונג. כדי אויסצונוצן די רייכטימער און מינעראַלן פון די קאָלאָניעס האָט מען אינוועסטירט ריזיקע קאַפּיטאַלן, וואָס האָבן געגעבן קאָלאָסאַלע פּראָפיטן. אין די קאָלאָניעס האָט מען באַקומען אי ביליקע שקלאַפן־אַרבעט־קראַפט, אי גרויסע אָפּזאַצמערק פאַר די אויסגעאַרבעטע סחורות וואָס מ׳האָט אַהין עקספּאָרטירט.

אויף אַנצופירן מיט די ניי־געשאַפענע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, האָט מען זיך געניטיקט אין אַן עלעמענט פון פאַרוואַלטונג — געבילדעטע מענטשן און מענטשן פון וויסן.

נייע הערש־פּאָזיציעס פאַר פאַרוואַלטערס און פאַרשיידענע אָנפירערס פון קאָלאָניעס זיינען אויפגעקומען. די ניי־געשאַפענע מיגלעכקייטן האָבן גאָר שטאַרק אימפּאָנירט דער אַריסטאָקראַטישער און פאַרמעגלעכער יוגנט פון די אימפּעריאַליסטישע מעטראָפּאָליעס, און האָט זיי סטימולירט צו שטודירן כדי צו קריגן די גוט־באַצאָלטע אַמטן אין די קאָלאָניעס — און מיט דעם דער־גרייכן כבוד און פּרעסטיזש.

די רעגירונגען האָבן דאַן גענומען שטאַרק אונטערשטיצן אַלערליי ביל־דונג־אַנשטאַלטן. מ׳האָט גענומען הויך אָפּשאַצן די ווירכטיקייט פון ביבליאָ־טעקן און אַרכיוון, פון סטאַטיסטיק און אַנדערע אימפאָרמאַטיווע צווייגן וואָס האָבן געהאָלפן פּרעציזירן דאָס וויסן.

די יוגנט, ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ לעטאַרגיע, האָט זיך מיט איר גאַנצן אימפּעט אַריינגעוואָרפן אין שטודירן. דער דורשט נאָך וויסן איז געווען גאָר גרויס, ווייל מ׳האָט אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, אַז בילדונג איז אַ צונויפזאַמלונג פון דערפאַרונגען און קולטור־ירושה פון פאַרשיידענע תקופות. און בילדונג איז געוואָרן די באַדערפעניש פון יענער צייט.

הויפּטזאַכלעך האָט מען זיך דאַן קאָנצענטרירט אויף אַ געוויסן סכום פון לימוד און קענטעניש פון לאַטיין, אויף דעם לעבן און קולטור פון דער רוי־מישער אימפּעריע, אויף גריכיש און די גריכישע דענקער און פילאָסאָפן. און וואָס מער מען האָט שטודירט און זיך פאַרטיפט אין די קוואַלן פון דער גריכי־שער קולטור און רוימישער ציוויליזאַציע, אַלץ מער האָט עס פאַרכישופט די יוגנט, ווי ס׳וואָלט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט פון בילדונג, פון גע־שיכטע, פון פאַרשאַרבעט.

מען האָט אויך גענומען שטודירן די קולטור־אוצרות פון אַנדערע אַלטע פעלקער, ווי למשל עגיפּטן (עגיפּטאָלאָגיע איז נאָך ביז דאַן ניט געווען קיין באַאַרבעטער געביט). פאַרשטייט זיך אַז מ׳האָט גלייכצייטיק שטודירט די גע־שיכטע פון אייגענעם פאָלק און זיינע ספּעציפישע אייגנשאַפטן. בילדונג האָט אָנגענומען אַ מער אַלגעמיינעם און מער געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, ווייל מ׳האָט זיך געטיילט אויף פאַרשיידענע געביטן מיט אינפאָרמאַציעס, דער־גרייכונגען און דערפינדונגען.

קולטור איז נאָך אָבער אַלץ געווען דער מאָנאָפּאָל פון די פאַרמעגלעכע. נאָך טעאָלאָגיע זיינען די קאַטעדרעס פון געשיכטע געוואָרן די ווירכטיקסטע. די פּראָפעסאָרן אויפן געביט פון די גריכישע און רוימישע קולטורן און גע־שיכטע זיינען געוואָרן זייער פּאָפּולער, און די סטודענטן זיינען געווען אַנטציקט מיט זייערע פּראָפעסאָרן. יעדע לעקציע און יעדע אַרבעט זייערע פלעגן שטו־דירט און דיסקוטירט ווערן.

כמעט יעדער פּראָפעסאָר אין יענער צייט איז דירעקט אָדער אומדירעקט געווען פאַרבונדן מיט דער הערשנדיקער מאַכט, ווייל די אוניווערסיטעטן זיי־נען פינאַנצירט און באַאיינפלוסט געוואָרן פון די אויטאָקראַטישע רעגירונגען. אַ סך פון די פּראָפעסאָרן זיינען געווען מלוכהשע ראַטגעבערס און אָפט האָט מען זיי געהאַלטן פאַר אויטאָריטעטן אין פּאָליטיק, פינאַנצן א״א רעגירונג־אָנגעלעגנהייטן.

ביזן 17טן יאָרהונדערט האָבן די כראָניק־שרייבערס, ביים פאַרצייכענען

די געשעענישן, זיך קאָנצענטרירט אויף ארויסהייבן די הערלעכקייטן און די העלדישקייטן פון זייערע קעניגן און מלחמה־פירערס.

עס האָבן גענומען דערשיינען פיל וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן, ווו דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען געשיכטע. טויזנטער ביכער, וועלכע האָבן כלומרשט געהייסן געשיכטע, זיינען געשריבן געוואָרן.

11.

בעת דער 18טער יאָרהונדערט ווערט באַצייכנט ווי דער ליטעראַרישער אָדער געשיכטלעך־סקעפּטישער יאָרהונדערט, ווערט דער 19טער י״ה אָנגעגעבן ווי דער נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישער.

אין דעם פּרט האָבן זיך אויסגעצייכנט די דייטשע פילאָסאָפיע־און־היס־טאָריאָסאָפיע־שרייבערס, וואָס האָבן קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו פאַר־נומען דעם ערשטן פּלאַץ.

אַ סך פון די געשיכטע־פאַרצייכענער און געשיכטע־פילאָסאָפן זיינען גע־ווען שפּראַך־פּעדאַנטיקער, פילאָלאָגן, אָדער גאָר פּאָעטן, וואָס האָבן זיך נאָר געפּילפּולט אין שיינע פראַזן און געדאַנקען. געשיכטע האָט אזוי ארום זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּלאַטפאָרמע פאַר זייערע ליטעראַרישע און פּאָעטישע שאַ־פונגען. די באַציאונג זייערע איז אָבער געווען אַלע מאָל אַן ערנסטע, און פיל פאַרשאַרבעט איז דורך זיי אריינגעלייגט געוואָרן אין זייערע ווערק. די היס־טאָריקער האָבן אָפּגעגעבן אַ בכבודיק אָרט אין זייערע שאַפונגען פאַר דער גריכישער און רוימישער קולטור, פאַר זייערע דענקער און פילאָסאָפן, פאַר דער רוימישער אימפּעריע, איר מיטאָלאָגיע און אירע העלדן, פאַר דער גריכישער פּאָליטיק, געטער, ריטואַלן, מינהגים, געזעצן און בכלל דעם שטייגער לעבן פון די צוויי קולטורן.

דער איינפלוס און אָפּט די דאָמינירונג פון רעליגיע אויף געשיכטע האָט זיך נאָך זייער שטאַרק געמערקט אַפילו ביי די היסטאָריקער פון 18טן און 19טן יאָרהונדערט. מען האָט דאַן ארויסגעגעבן אַ סך ביכער וועגן דער אַנט־וויקלונג און דער געטלעכער השפּעה פון יעדער רעליגיע. מ׳האָט פיל גע־שריבן וועגן דער פילאָסאָפיע פון רעליגיע און אירע ריטואַלן, וועגן מיטאָ־לאָגיע, און פעסטגעשטעלט אַז „אַלץ איז פון גאָט פאַרויס באַשטימט״, און אַז פון געשיכטע לערנען מיר ווי צו פאַרשטיין „גאָט און זיינע וועגן״.

די גרעסטע צאָל רעליגיעזע ביכער זיינען דערשינען וועגן קריסטלעכן גלויבן, איבערהויפּט וועגן זיין קאַטוילישן אָפּצווייג.

העגעל, דער באַגרינדער פון „וועלטגייסט״, איז געווען איינער פון די גרעסטע פילאָסאָפן, פון די אידעאָלאָגן און סאָציאַלע דענקער פון 18טן און

19טן יאָרהונדערט. אין זיינע ווערק — 18 בענד — האָט ער געשריבן וועגן „די געשיכטע פון פילאָסאָפיע" און אויך „די פילאָסאָפיע פון געשיכטע".

לויט העגעל רוקט יעדע תקופה אַרויס איר „גרויסן מענטש", אָבער „דאָס וואָס זי פאַרדינט איז ניט אָפּהענגיק אָן דעם אויסוואַל פון אַלטערנאַטיוון, נאָר אָן אַ פּרעדעטערמינירטן מוסטער באַשטימט אין הימל, וואָס עקסיסטירט מחוץ דער גרענעץ פון צייט".

אָט וואָס העגעל זאָגט בשייכות מיט געשיכטע: „גאָט רעגירט איבער דער וועלט; די עצם פירונג פון זיין רעגירן — די אויספירונג פון זיין פּלאַן — איז די געשיכטע פון דער וועלט".

פאַר העגעלן איז רעוואָלוציע אַ מעטאַפיזישער באַגריף.

אַ סך היסטאָריקערס האָבן געניצט די מעטאָדע פון געבן די ביאָגראַפיעס פון קעניגן און שטאַטסמענער, הערשער, מיליטערישע העלדן און פּאָליטיקער און זייערע שלאַכטן, ווי אַ פּלאַטפאָרמע ווו עס שפּילן זיך אָפּ די היסטאָרישע געשעענישן און פאַסירונגען פון זייער צייט. מאַנכע היסטאָריקערס פון 19טן יאָרהונדערט ווייזן אַרויס אַ שטאַרקע פאַרגעטערונג פון דער פאַרגאַנגענהייט פון זייער פאָלק מיט אַ גרויסער נאָסטאַלגיע און שאָוויניזם.

באַזונדערס מערקט זיך אַזאַ צוגאַנג ביי דייטשע היסטאָריקערס. אַ טייל היסטאָריקערס מאַנעווּרירן מיט פאַקטן, געשעענישן, מיט געשיכטלעכער פילאָ־סאָפיע און געשיכטע בכלל, ווי אַ גענעראַל — אָפּט אַ האַרצלאָזער גענעראַל — מיט זיינע סאָלדאַטן.

נעמען מיר צב"ש שפּענגלער און טאָינבי[8].

שפּענגלער אין זיין בוך „דער אונטערגאַנג פון מערב" זאָגט: „די מענטש־הייט האָט ניט קיין ציל, קיין אידעע און קיין פּלאַן — פּונקט אַזוי ווי אַ משפּחה פון שמעטערלינגען, אָדער ווי אַ פּרוכטגאָרטן, און זי וואַקסט ווי פּלאַנצן און חיות. יעדע קולטור גיט אַרויס גרויסע פּערזענלעכקייטן ווי אַלעקסאַנדער, סאָ־קראַטעס א"א און האָט אירע אייגענע מיגלעכקייטן און זעלבסט־אויסדרוקן, וועלכע דערשיינען, ווערן צייטיק, שטאַרבן אָפּ און קערן זיך מער ניט צוריק. די קולטורן וואַקסן אָן אַ ציל, ווי די בלומען אין פעלדער". „יעדע ציוויליזאַ־ציע דויערט אַן ערך טויזנט יאָר — האָט איר פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער, ווי אַ ים האָט אַ צופלוס און אַן אָפּפלוס". ביי שפּענגלערן איז אַלץ צו־געשניטן, ווי ביי אַ שניידער אַן אָנצוג.

„מענטשהייט", זאָגט שפּענגלער, „איז אַ זאָאָלאָגישער אויסדרוק אָדער אַ פּוסט וואָרט".

---

[8] הגם זיי געהערן מער צום 20טן ווי צום 19טן יאָרהונדערט — שפּיגלען זיי אָבער אָפּ דעם ניט־חיסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו געשיכטע ווי דאָס רוב היסטאָריקער ביזן 20טן יאָר־הונדערט.

פּראָפּ׳ פּאַטריק גאַרדינער זאָגט אָט וואָס וועגן שפּענגלערס אָפּשאַצונג פון געשיכטע: „ער האָט געפּרעדיקט אַ דערדריקנדיקן ביוראָקראַטישן פאַשיזם“.

טאָינבי, להיפך צו שפּענגלערן, איז ניט קיין ציניקער און ניט קיין ניהיליסט. אַרנאָלד טאָינבי איז אַן אינטעלעקטואַל מיט אַ גרויסן סכום קענטעניש בכלל און היסטאָרישן וויסן בפרט. ער איז, ווי דאָס רוב היסטאָריקער, אַ גרויסער קענער פון שפּראַכן. אין זיין „שטודיום פון געשיכטע“ (וואָס איז נאָך ניט פאַרענדיקט), אין „די וועלט און דער מערב“, און אין אַ סך היסטאָרישע אַרטיקלען וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט, זעט מען קלאָר זיין שטאַרק קאָנסערוואַטיוון צוגאַנג און אָפּשאַצונג פון היסטאָרישע געשעענישן און געשיכטע בכלל. ער איז אַ רעליגיעזער מענטש, גלויבט אין הימלשער קעניגרייך, אין עולם־הבא, אין תחיית המתים. ער איז אַ גרויסער פּראָפּאַגאַניסט פון קריסטנטום און קריסטלעכער ציוויליזאַציע. ער רעדט וועגן „דעם מעכטיקן שאַפונג־כוח פון קריסטנטום“; אַז „געשיכטע גייט אַריבער צו טעאָלאָגיע“; און „די געטלעכע פילאָסאָפישע אַנטפּלעקונג פון געשיכטע“. טאָינביס הויפּטטעזע אין זיין אָפּשאַצונג פון געשיכטע איז: עס האָבן עקסיסטירט 21 ציוויליזאַציעס — 16 זיינען אָפּגעשטאָרבן, 4 זיינען אונטערגעגאַנגען און געבליבן איז נאָר איינע — די „מערב־איראָפּעאישע קריסטלעכע ציוויליזאַציע“, וואָס עקסיסטירט שוין אַן ערך 400 יאָר.

ער זאָגט: „וואָס מיר רופן היסטאָריע איז די געשיכטע פון מענטשן אין דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט“... „די נאַטור פון מענטשן האָט זיך ניט געביטן פאַר עטלעכע טויזנט יאָר“. וועגן דעם וווקס פון ציוויליזאַציע זאָגט טאָינבי: „ציוויליזאַציע וואַקסט, שטייגט, ווען דער אָפּרוף צו אַ געוויסער אָנרעגנדיקער ארויספאָדערונג איז ניט בלויז אַ דערפאָלג פאַר זיך, נאָר ווען עס רעגט אויך אָן ווייטערדיקע ארויספאָדערונגען, וואָס ברענגען מיט זיך נאָך אַ מער דערפאָלגרייכן אָפּרוף“.

אין כמעט אַלע פראַגן וועלכע טאָינבי באַרירט נוצט ער דעם פאַרגלייך מיט די אַמאָליקע גריכן, רוימער, עגיפּטער, יידן, איסלאַמער א״א, ווי ער וואָלט האַלטן אַז אין כל חדש תחת השמש.

טאָינבי רעדט וועגן דער „קרעאַטיווער קראַפט פון קריסטנטום“. ער שטרייכט שטאַרק אונטער די טעזע, אז די מערב־איראָפּעאישע קריסטלעכע ציוויליזאַציע איז ווי אַ לייכטטורעם, וואָס שיינט פאַר דער גאַנצער וועלט, איבערהויפּט פאַר די הינטערשטעליקע לענדער. אָט וואָס ער זאָגט: „דער קאָנפליקט צווישן דער וועלט און דעם מערב, רעטראָספּעקטיוו, קען באַווייזן ווערן ווי די וויכטיקסטע געשעעניש אין דער מאָדערנער געשיכטע“.

די מערב־איראָפּעאישע קריסטלעכע ציוויליזאַציע, וואָס טאָינבי שטעלט זי אַרויף אויפן העכסטן פּעדעסטאַל, דערמאָנט אָן שלום אַשס „גאָט פון נקמה“. אין מערב האָט מען גערעדט וועגן גערעכטיקייט, ליבעראַלע פּרינציפּן און דע־

מאָקראַטיע, בעת אין זייערע קאָלאָניעס האָט מען אוממענטשלעך און באַר־באַריש עקספּלואַטירט די איינגעבוירענע באַפעלקערונג.

לויט טאָינבי לערנען זיך אַלע אימיטירן און קאָפּירן די מערב־אייראָפּעאישע קריסטלעכע ציוויליזאַציע.

ווען אַ קינד פון אַן ערך אַ יאָר אַלט הייבט אָן אַרומגיין, מיינט דאָך דאָס ניט אַז ער טוט נאָך די קינדער, וואָס האָבן פריער גענומען אַרומגיין, ווי אין זיין עלטער. מענטשן ווילן פּטור ווערן פון ענגע אָדער צעריסענע שיך — מיינט דאָך דאָס ניט נאָכטאָן די מערב־אייראָפּעאישע קריסטלעכע ציוויליזאַציע.

להיפּך צו שפּענגלערן האַלט טאָינבי, אַז די מערב אייראָפּעאישע קריסט־לעכע ציוויליזאַציע גייט ניט אונטער.

סיי שפּענגלער און סיי טאָינבי וואַרפן אָפּ דעם געדאַנק, אַז דער געשיכט־לעכער פּראָצעס האָט זיך באַזירט אויף די קאַמפן פאַר עקאָנאָמישן באַזיץ, רייכטום, פאַר מאַכט און פאַר הערשאַפט.

טאָינבי און אַ סך היסטאָריקער פאַר אים, און אויך דער פילאָסאָף העגעל באַטראַכטן געשיכטע ווי אַ שיף, וואָס גייט מיט אייגענער מאַנשאַפט, אָבער — דער רודער איז אויפן הימל.

12.

זייער אַ גרויס אָרט ביי געשיכטע־שרייבערס פאַרנעמען העלדן. ווי העלדן ווערן באַצייכנט קיסרים, הערשער, פּאָליטיקער, רעליגיעזע ארויפ־צווינגער און איבערהויפּט מלחמה־העלדן. עס איז געווען אַ צייט, ווען מ׳האָט געזאָגט און געשריבן אַז מלחמה־העלדן גייען גלייך נאָך זייער טויט אין גן־עדן אַריין. אָט די „אויסדערוויילטע" אויטאָקראַטישע העלדן האָבן די געשיכ־טע־שרייבערס אָפט געקרוינט מיטן טיטל „זשעני" און געזען אין זיי היסטאָ־רישע פיגורן און געשיכטע־שאַפער.

בכלל גענומען האָבן דאָס רוב געשיכטע־שרייבערס גאָרניט געהאַלטן פון די מאַסן און געקוקט אויף זיי מיט פאַראַכטונג.

נאַפּאָלעאָן האָט מיסתמא זיך געהאַט אין געדאַנק, ווען ער האָט געזאָגט: „איך וואָלט בעסער האָבן אַן אַרמיי פון קראָליקעס אָנגעפירט פון אַ לייב איידער אַן אַרמיי פון לייבן אָנגעפירט פון אַ קראָליק".

„די געשיכטע פון דער וועלט איז אייגנטלעך בלויז די געשיכטע פון דעם גרויסן מענטש. העלדן זיינען אַלץ, דער המון איז גאָרנישט" (קאַרלייל). מאַנכע היסטאָריקער האָבן געשריבן, אַז גאונישע געשיכטע־העלדן זיינען אינדיווידו־

עלע דערשיינונגען — ביאָלאָגישע, און ניט קיין פּראָדוקט פון דער געזעל־שאַפט"... "אַן אומבאַוווסטע קראַפט שאַפט גרויסע מענטשן". פרעדעריק עדעם ווּוד זאָגט: "צום ערשטן זיינען די קיסרים די העלדן פון געשיכטע, חוץ די וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון שטאַטסמענער, פּרויען און גלחים". וויל־יאַם דזשיימס זאָגט: "קיין וויכטיקע סאָציאַלע פאַרענדערונג איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען, וואָס זאָל ניט זיין פאַראורזאַכט דורך גרויסע מענטשן".

ביי אַ סך געשיכטע־שרייבערס זיינען העלדן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם טשוואַק אויף וועלכן ס'ווערן אויפגעהאַנגען די וויכטיקסטע טאַטן, געשעענישן און פאַסירונגען פון דער געשיכטע.

די היסטאָריקערס האָבן זייערע העלדן אָפּגעפּוצט ווי בלישטשענדיקע לאָמפּן, אָבער ווען מען שטודירט גרינטלעך געשיכטע זעט מען ערשט אַז דאָס רוב פון אָט די העלדן זיינען ניט מער ווי חלב־ליכטלעך. נעמען מיר צב"ש דעם מיליטעריש געשולטן גענעראַל נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט. געשיכטע־שריי־בערס האָבן אים גלאָריפיצירט און אויסגעמאָלט ווי דעם גרעסטן גענעראַל און אימפּעראַטאָר וואָס האָט ווען געלעבט. דאַלאָז (Dalloz) האָט ארויסגעגעבן 48 בענד וועגן נאַפּאָלעאָן. אַ קאָלעקטיוו פון שרייבערס האָט ארויסגעגעבן 32 בענד וועגן אים. וועגן דעם גרויסן היסטאָרישן העלד נאַפּאָלעאָן האָבן הונדער־טער היסטאָריקערס ארויסגעגעבן ביכער. די ענציקלאָפּעדיעס גיבן אים אָפּ אַ מיזרח־פּלאַץ. אַ היסטאָריקער האָט געפרעגט "וויפל באַטאַליאָנען האָבן דעם ווערט פון איין נאַפּאָלעאָן?" אַפילו דער גרויסער פילאָסאָף העגעל איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון נאַפּאָלעאָנס ניצחונות, אַז ער האָט געזאָגט אַזאַ בילדעריש וואָרט וועגן אים: "די נשמה פון דער וועלט אויפן רייט־פערד".

דער היסטאָריקער טהיערס (Thiers) ווייזט ווי ניט ערלעך עס זיינען גע־ווען די געשיכטע־שרייבערס וואָס האָבן אַרויסגעגעבן די 32 בענד. ער ווייזט אָן, אַז מ'האָט אויסגעלאָזן וויכטיקע דאָקומענטן, וואָס זאָגן עדות אַז נאַפּאָלעאָן איז געווען ווייט פון צו זיין אַ גרויסע פּערזענלעכקייט. ער צעשמעטערט די העלדישע געשטאַלט פון נאַפּאָלעאָן און זאָגט: "אונטער דעם אימפּעריאַליס־טישן מונדיר זעען מיר די חיה — נאַפּאָלעאָן"... ה. ג. וועלס[9] זאָגט אָט וואָס וועגן נאַפּאָלעאָן: "דער דורכגעפאַלענער (אַ הערלעכער אימאַזש) נאַפּאָלעאָן האָט מער ניט געקענט טאָן ווי זיך באַרימען און שטאָלץ זיין אויף זיין גרויסן באַרג פון מיגלעכקייטן און געלעגנהייטן, ווי אַ יונג העגדל אויף אַ מיסט־בערגל"... "פול מיט פוסטער גאווה, גיריקייט און כיטרעקייט, איינגעגעסענער פאַראַכטונג און רעספּעקטלאָזיקייט פאַר די מענטשן וואָס האָבן געהאָט צו אים צוטרוי. פון אַ הערלעכן נאָכמאַלפעווען צעזאַרן, אַלעקסאַנדערן, וואָס וואָלט זיין באמת קאָמיש אויב דאָס וואָלט נאָר ניט געווען דורכגעזאַפּט מיט מענטשלעך בלוט".

H. G. Wells in "The Outline of History" (9

אַ געשיכטע־שרייבער האָט אַרויסגעגעבן 10 בענד וועגן מאַריאַ טהערע־זאַ, אַ היסטאָרישע ביאָגראַפיע פון דער קעניגין פון אונגאַרן און באָהעמיע (געלעבט אין 18טן י״ה), וואָס האָט, אַזוי צו זאָגן, „געטראָגן איר מאַנס אימפּע־ראַטאָרישע הייזן". זי איז געווען אַ מאַמע פון 16 קינדער און די מאַמע פון מאַריאַ אַנטואַנעט. זי איז געווען אַנטי־סאָציאַל און רעאַקציאָנער. סיי די מאַמע און סיי די טאָכטער זיינען געווען מאַטעריאַל פאַר ראָמאַנען, אָבער עס שטעלט זיך די פראַגע: וואָס האָבן זיי געהאַט צו טאָן מיט געשיכטע?

העלדן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביי יעדן פאָלק, אין זיינע לעגענדעס, אין זיין פאָלקלאָר און אין זיין פאַנטאַזיע.

די שרעק פאַר דאָס אומבאַקאַנטע און אומבאַוווּסטע, און די שטענדיקע געפאַר און מורא פאַר דער ווירקלעכקייט (און זי איז אין משך פון אַ סך דורות געווען זייער גרויזאַם פאַרן פאָלק) האָבן אין אַ גרויסער מאָס געפירט צו סוב־לימירן די ווירקלעכקייט מיט רעליגיע און נאָסטאַלגיע פאַר דער פאַרגאַנגענ־הייט. און די פאַרגאַנגענהייט האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן העלדן און העלדנטאַטן.

פאַר דער יוגנט האָט מען געשפּינט פאַנטאַסטישע בילדער פון אַמאָל, כדי צו רייצן זייערע עמאָציעס און האַלטן וואַך זייער נאַציאָנאַלן שטאָלץ. מען האָט די פאַרגאַנגענהייט גלאָריפיצירט און אויף איר פאָן געמאָלט די העלדן, ווי זיי וואָלטן אָפּשפּיגלען דעם גייסט פון יענער צייט.

צופעליקע פּאָזיטיווע געשעענישן און פּאַסירונגען האָט מען צוגעשריבן צו ניסים, אָדער צו אַ פּערזאָן וועמען מען האָט פאַרהערלעכט און פאַרוואַנדלט אין אַ העלד.

העגעל זאָגט: „דער אמתער גרויסער מענטש פון דער צייט איז דער, וועלכער איז ביכולת אַרויסצוזאָגן אין ווערטער דעם פאַרלאַנג פון זיין תקופה, און אויפקלערן דער עפּאָכע וואָס איר פאַרלאַנג איז און ווי אַזוי מ׳קען אים דער־גרייכן. ער, דער גרויסער מענטש, אַקטואַליזירט זיין תקופה".

כמעט אין יעדן דור, און ביי אַלע שיכטן פון יעדן פאָלק, זיינען פאַראַן די אינטעליגענטע, באַגאַבטע און פעאיקע מענטשן מיט איניציאַטיוו, וועלכע קענען אָפּשאַצן די נויטן און נייטווענדיקייטן פון פאָלק. אייגנטלעך האָבן די מענטשן געדאַרפט זיין די פירערס און העלדן, אָבער די טראַגעדיע איז באַ־שטאַנען דערין וואָס פאַר אַ סך יאָרהונדערטער האָט מען די אַ מענטשן ניט צוגעלאָזט צו דער מלוכה־פירונג אָדער אַנדערער אָנפירערשאַפט. די הערשערס האָבן אַרויסגעשטעלט נאָר די פירערס און העלדן, וואָס האָבן פאַרטראָטן זייע־רע אינטערעסן. דער היסטאָרישער פאַרויסגאַנג אין 18טן און 19טן י״ה און די פאָדערונגען פון דער צייט האָבן אַרויסגעבראַכט פּערזענלעכקייטן מיט נייע פּראָגרעסיווע אידעען, וועלכע האָבן זיך ניט געלאָזט אַזוי לייכט באַזייטיקן.

קיין העלד אָדער גרויסע פּערזענלעכקייט שאַפט ניט און קאָן ניט שאַפן קיין געשיכטע. ער קאָן זי אָבער באַאיינפלוסן און באַקעמפן שטערונגען אין

איר עוואָלוציאָנערן גאַנג, ווען די באַדינגונגען זיינען מער אָדער ווייניקער צייטיק פאַר דעם. העלדן אין דער געשיכטע קענען נאָר פאַרשאַרפן געשעע־נישן. העלדן קלייבן צייטיקע אָדער צייטיק־ווערנדיקע פרוכט.

אין אַנדערע ווערטער — דער „העלד" צום גוטן (פאָרויס) אָדער שלעכטן (צוריק, צייטווייליק) ווערט ארויסגערוקט אין גאַנג פון דער געשיכטע ווי אַ פּועל יוצא פון דער אומגעבונג פון דער געגעבענער צייט, און דער „העלד" איבט אָפּט אויס אַ שטאַרקע השפּעה אויף די ווייטערדיקע געשעענישן.

דער אמתער העלד פון געשיכטע איז דער וועלכער צינדט אָן דעם פאַקל אין אַ געדיכטער פינצטערניש. ער צינדט אָן דעם פאַקל אָבער ער שאַפט אים ניט — ער איז בלויז דער וואָס פירט און ווירקט — אָבער נישט מער.

13.

די היסטאָריקער און די פילאָסאָפן פון געשיכטע, מיט גאָר ווייניק אויס־נאַמען, זיינען געווען פון פאַרמעגלעכן קלאַס: אַריסטאָקראַטן, כוהנים, בראַ־מינער און פון דער רעליגיעזער העגעמאָניע בכלל. זיי זיינען עס געווען די טאָנגעבערס, די געבילדעטע און אינטעלעקטועלע ראָמאַנטיקער. די אַלע זיי־נען ווייניק געקומען אין קאָנטאַקט מיט די מאַסן, מיט זייערע נויטן, הונגער און די גרויזאַמע לײַדן פון זייער לעבן. אין בעסטן פאַל האָבן זיי געהאַט נאָר אַן אויבנאויפיקע באַציאונג צו די מאַסן. אַנדערע פילאָסאָפישע היסטאָריקער און הומאַניטאַריער, וועלכע זיינען אין זייערע ווערק ארויסגעטראָטן קעגן דער אכזריותדיקער הערשאַפט, האָבן אָבער ניט אָנגעגעבן די סיבות דערפון, נאָר בלויז אויסגעדריקט פּראָטעסט און עקל קעגן דעם באַרבאַריזם. ביי פיל פון יענע היסטאָריקער און פילאָסאָפן איז דאָס מיטגעפיל מיט די אָרעמע מאַסן געווען נאָר אויבערפלאַכלעך, ווי פּרץ הירשביין דערמאָנט עס אין זיינע דער־פאַרונגען פון אינדיע. הירשביין איז זייער באַפריינדט געווען מיט אַ בראַמינער אינטעלעקטואַל, וואָס האָט געענדיקט אַן אוניווערסיטעט, און זיי האָבן שטענדיק געפירט דיסקוסיעס וועגן פילאָסאָפישע פראַגן, ווי עטיק, קונסט, מאָראַל, באַ־ציאונג פון מענטש צו מענטש א"א. איין מאָל האָט הירשביין, בעת אַ באַזוך ביים אינדיער, אָפּגעריסן אין זיין שיינעם גאָרטן אַ בלום און אים ארייננגע־שטעקט אין לאַץ. דער בראַמינער האָט עס באַמערקט און אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אַז אַ בלום האָט לעבן און דורך אָפּרייסן די בלום האָט ער געטויט אַ לעבעדיקע זאַך. זיי זיינען נאָך דעם אריין אין דעם בראַמינערס קילן ראַנדאַוול, וואָס האָט קיין פאָדלאָגע ניט געהאַט, און דאָרט פאָרגעזעצט זייער פילאָסאָפישן שמועס. פּלוצלינג האָט הירשביין באַמערקט ווי אַ שלאַנג

איז אַריינגעקראָכן אינעווייניק, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן, אַרויפגעשפרונגען אויף דער באַנק און געוואָלט טויטן די שלאַנג. זיין בראַמינער פריינד האָט אויסגעשריען, אַז ער זאָל עס ניט טאָן — מ׳טאָר ניט הרגענען קיין לעבעדיק באַשעפעניש! הירשביינען איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן. ס׳האָט ביים אים אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט אין דער אויפריכטיקייט פון בראַמינער, און ער האָט אים גאַנץ אומדערוואַרט אַ פרעג געטאָן: „זאָג נאַר, וואָס וואָלסטו געטאָן ווען אַן „אומריינער"[10] וואָלט אַריינגעקומען אַהער, דיך ארומנעמען און געבן אַ קוש?" האָט אים דער בראַמינער גאַנץ אימפּולסיוו געענטפערט: „איך וואָלט אים דערהרגעט".

געשיכטע־פילאָסאָפן, הומאַניטאַריער און פּאָעטן האָבן געבענקט נאָך יושר, גערעכטיקייט און גלייכהייט פאַר די מענטשן און — זיי זיינען געבליבן ביי זייער בענקשאַפט. זיי האָבן באַזונגען די שיינקייט פון רעגן־בויגן וואָס גייט אויף אויפן הימל נאָך דעם רעגן, אָבער זיי האָבן ניט אָפּגעשאַצט דעם רעגן וואָס ברענגט ברויט פאַר די פיל הונגעריקע מענטשן. געוויסע היסטאָריקערס האָבן „געפּאַלמעסט" די מענטשן פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָבן אָבער זיך ניט דערגרונטעוועט צו די מאָגן־פּראָבלעמען און דעריבער ניט אָפּגעשאַצט די דאָמינירנדיקע ראָל וואָס דער „מאָגן" האָט געשפּילט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

וועגן הונגער, נויט, שקלאַפעריי און מענטשלעכע ליידן בכלל, פלעגט מען אפשר מער געפינען אין די ראָמאַנען און דערציילונגען, ביי די נאָוועליסטן און שריפטשטעלערס ווי ביי דאָס רוב געשיכטע־פילאָסאָפן.

די געשיכטע־פילאָסאָפן זיינען פאַרנומען געווען מיט אַבסטראַקטע מעדיטאַציעס און מיט אַקראָבאַטישע דעבאַטן, וואָס זיינען נאָר אויסן געווען צו שפּאַלטן מיטן מוח גייסטיקע האָר; אַ מין באַשעפטיקן זיך מיט כאַפּן גייסטיקע פליגן.

פּאַסקאַל[11], למשל, שרייבט: „וואָלט קלעאָפּאַטראַס נאָז געווען קירצער, וואָלט דער גאַנצער פּנים פון דער וועלט געווען אַנדערש" (אגב, קלעאָפּאַטראַס ראָל אין געשיכטע איז גוואַלדיק איבערגעטריבן, צו פיל ראָמאַנטיזירט און גלאָריפיצירט. ס׳וואָלט בכלל קיין אונטערשייד ניט געווען פאַר דעם גאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע ווען זי וואָלט בכלל ניט עקסיסטירט).

---

[10] "Untouchables" — סעקטע אין אינדיע, וואָס ווערט באַצייכנט ווי „אומריינע".
[11] Blaise Pascal

14.

דער 19טער י"ה איז געווען אַ יאָרהונדערט וואָס האָט געעפנט פיל טויערן פאַר דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, פאַרן באַוווסטזיין און בכלל פאַר דער־פינדונגען. עס איז געווען אַ גרויסער פאָרויסגאַנג אין אַלע צווייגן פון מענטש־לעכן לעבן. מיט דעם אויפקום פון אינדוסטריע איז אויך אויפגעקומען דער אַרבעטער־עלעמענט, אָדער אין ברייטן זין — דער פּראָלעטאַריער — אָן וועמען די זיך־שפּרייטנדיקע אינדוסטריאַליזאַציע האָט ניט געקענט האָבן קיין קיום.

דער דאָזיקער עלעמענט איז אַלץ מער געוואָרן באַוווסטזיניק פון זיין גאָר וויכטיקער ראָל און כוח אין דער וועלט. ער האָט גענומען פאָדערן קירצערע אַרבעטס־שעהן, העכערע לוינען און בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען. אַזוי אַרום איז דער דאָזיקער אַרבעטער־עלעמענט געוואָרן דער אַוואַנגאַרד אין אייביקן קאַמף פון דער מענטשהייט — דער קאַמף פון די וואָס האָבן גאָרנישט קעגן די וואָס האָבן אַלץ.

דער אויפשטייגנדיקער באַוווסטזיניקער אַרבעטער־עלעמענט האָט מיט־געשלעפּט מיט זיך, אַזוי צו זאָגן, די אָרעמע און ניט־פאַרמעגלעכע מאַסן.

זיי זיינען אַלץ מער באַוווסטזיניק געוואָרן מיט דער ראָל, וואָס בילדונג און קולטור שפּילן אין לעבן. זיי האָבן אין די זייער באַגרענעצטע מיגלעכקייטן, גענומען שטילן זייער דורשט דורך בילדונג און נעמען אַנטייל אין סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן — אַ זאַך וואָס איז ביז דאַן געווען באַגרענעצט בלויז פאַר די פּריווילעגירטע. (ווי זאָגט פּראָפ' קאַר: „געשיכטע אין 18טן יאָרהונדערט איז נאָך אַלץ באַשטאַנען פון דער עליט").

זייערע רייען זיינען באַרייכערט געוואָרן פון פאָרגעשריטענע, הומאַניטאַרע אינטעלעקטואַלן און פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון מיטל־קלאַס און אין אַ געוויסער מאָס אויך פון יחידים פון פאַרמעגלעכן קלאַס.

בעת דעם דאָזיקן אַנטוויקלונג־פּראָצעס האָבן זיך באַוויזן גרויסע עקאָנאָ־מיסטן, דענקער, סאָציאָלאָגן און אַנדערע פאָרשער. זיי האָבן, אין זייער אינ־טענסיווער פאָרש־אַרבעט, זיך דערגרונטעוועט צו די קאַרדינאַלע סיבות פון שקלאַפעריי, אָרעמקייט, הונגער, פון וואָס אַזויפיל מענטשן קומען אום; אין אָט דער דאָזיקער פאָרש־אַרבעט האָבן זיך פאַר זיי קלאָר אַנטפּלעקט די הויפּט־סיבות פון מענטשלעכער בלוט־פאַרגיסונג — מלחמות.

ווי אַ פּועל־יוצא פון דער פאָרש־אַרבעט זיינען זיי געקומען צום אויספיר, און עס באַגרינדעט אויף אַ היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכן יסוד, אַז די דאָמינירנ־דיקע פאַקטאָרן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט זיינען די עקאָנאָמישע, וועלכע ווירקן זיך אויס כמעט אין אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער אַנט־וויקלונג.

פון דעם עקאָנאָמיש־היסטאָרישן קוקווינקל האָט דער באַוווסטזיניקער מענטש אָנגעהייבן אָפּשאַצן זאַכן און זיין שטעלונג צו זיי, זיין האַלטונג און אויפפירונג, וואָס האָבן געזאָלט מיטהעלפן צום געשיכטלעכן פּראָגרעס און נאָך ווייטער פירן — צו אַ ראַציאָנעלער, יושרדיקער נייער פאָרעם פון לעבן.

דער 19טער יאָרהונדערט איז אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פון איינעם פון די גרעסטע פאָרשער, וויסנשאַפטלער און דענקער פון יענער צייט — טשאַרלס דאַרווין. דאַרווין האָט אריינגעבראַכט געשיכטע אין וויסנשאַפט, און אויך גע־ווירקט אַז געשיכטע זאָל ווערן אַ וויסנשאַפט.

דאַרוויניזם איז געווען אַ וויסנשאַפטלעכע רעוואָלוציע, וואָס האָט מיט אַזאַ קלאָרקייט אויפגעטרייסלט און צעשטערט דעם רעליגיעזן הימלשן וועלט־באַנעם. דאַרווין האָט אין אַ גרויסער מאָס, אַזוי צו זאָגן, אַראָפּגענידערט דאָס קעניגרייך פון הימל אויף דער ערד.

די וויסנשאַפטלער, סאָציאַל־עקאָנאָמיסטן און דענקער, און אין אַ געוויסער מאָס דער דאַרוויניזם, האָבן אַוועקגעשטעלט די געשיכטע אויף וויסנשאַפטלעכע רעלסן.

15.

מען האָט פיל געשריבן וועגן דער אויסטערלישקייט און די אַלטערטימ־לעכקייטן פון יידישן פאָלק. יידן ווערן פאַררעכנט און באַטראַכט ווי איינס פון די ערשטע פעלקער, וואָס האָבן געלייגט אויפמערקזאַמקייט אויף געשיכטע, דאָס מיינט, אַז זיי האָבן געפירט אַ כראָניק פון די פאָלק־געשעענישן. היסטאָ־קער זעען דעם תנך (די ביבל) ווי איינע פון די ערשטע זאַמלונגען פון היסטאָ־רישע דאָקומענטן — אַ כראָניק פון די פּאַסירונגען פון יענער צייט. אַפילו ברוך (בענעדיקטוס) שפּינאָזאַ, איינער פון די סאַמע גרעסטע טעאָלאָגישע פילאָסאָפן (ווערט פאַררעכנט ווי דער פאָטער פון פּאַנטעאיזם און מאָדערנער מעטאַפיזיק) און אַ גרויסער קענער פון תנך, באַטראַכט די ביבל ווי די געשיכטע פון די יידן און שטרייכט אונטער, אַז דער תנך איז בלויז געשיכטע און מער גאָרניט. ער גיט נאָך צו: „די ביבל אין געוויסע שטעלן איז ניט ריכטיק און קאָרופּטירט, טעותדיק, איז אין גאַנצן ניט אויסגעהאַלטן און מיר פאַרמאָגן בלויז אַ פראַגמענט פון דעם".

דער היסטאָריקער הערדער שרייבט: „מיר דאַרפן באַטראַכטן דעם אַלטן טעסטאַמענט ווי אַ שפּיגל פון דער יידישער פאָלק־נשמה פון יענער צייט". אין 1835 האָט דער היסטאָריקער מולמאַן אין זיין „די געשיכטע פון יידן" גע־זאָגט: „דעם תנך דאַרף מען שטודירן ווי אַ וועלכן ניט איז אַנדער היסטאָריש בוך, און די יידן ווי אַ מיטגליד פון די סעמיטישע משפּחות". דער היסטאָ־

ריקער יואַרד (Euward) באַצייכנט דעם תנך ווי „פּאָעטישע, פּראָפעטישע פאָלקס־לעגענדעס און פאַסירונגען פון יענער צייט“.

יוסף בן מתתיהו, שפּעטער באַקאַנט ווי יאָסיפוס פלאַוויוס, ווערט פאַר־רעכנט ווי דער ערשטער יידישער היסטאָריקער. געבוירן אין יאָר 37 (קריסט־לעכע צייט־רעכענונג). מען האָט אים נאָך אַלס יונגן מאַן שוין באַצייכנט ווי דעם געלערנטסטן מענטש פון זיין דור. ער איז געווען אַ כוהן און אַזוי אַרום געהערט צו דער אַריסטאָקראַטיע. ער איז אַ פּנים אויך געווען פאַרמעגלעך, ווייל ער האָט אַ סך אַרומגערייזט. ער האָט עטלעכע יאָר פאַרבראַכט אין רוים און דאָרט לעבנדיק איז ער באַאיינפלוסט געוואָרן פון די רוימישע און גריכישע קולטורן און פון דער מעכטיקער רוימישער אימפּעריע. ער איז געווען אַזוי באַצויבערט פון דער רוימישער אימפּעריע, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז די אימ־פּעריע און די רוימישע גאונות זיינען באַשטימט פון גאָט אַליין — און דערי־בער אייזנפעסט.

פלאַוויוס איז געווען באַפריינדט מיט דער רוימישער אַריסטאָקראַטיע, אריינרעכנדיק די אימפּעראַטאָרן. טיטוס איז געווען זיין פּערזענלעכער פריינד.

אין יאָר 67 האָבן די רוימער דערקלערט מלחמה די יידן (דובנאָוו האַלט אַז די מלחמה איז געווען אומפאַרמיידלעך, ווייל די יידן האָבן זיך געוואָלט באַ־פרייען פון דער אונטערדריקונג און דעם שווערן יאָך פון די רוימער). די יידן האָבן באַשטימט צוויי פּערזאָנען, וואָס האָבן געזאָלט אָנפירן מיט דעם קאַמף קעגן די רוימער — דעם כוהן גדול און יוסף בן מתתיהו. דער לעצטער האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן דעם גליל. אגב, ווען די יידן האָבן איינגעזען דעם טעות, האָבן זיי געשיקט צו אים אַ דעלעגאַציע, אַז מען וויל אים פאַרבייטן, האָט ער זיי אַלעמען געשמידט אין קייטן און צוריקגעשיקט.

יוסף בן מתתיהו האָט זיך אונטערגעגעבן די רוימער כמעט אָן ווידער־שטאַנד. ער האָט געהאַלטן אַז די יידן קענען עקסיסטירן און אויך פירן זייער ספּעציפיש אַרט לעבן אונטער דער הערשאַפט פון די רוימער. נאָך זיין קאַפּי־טולאַציע האָבן די רוימער אים אַרויסגעוויזן גרויס דרך־ארץ און ער איז אריינ־גענומען געוואָרן ווי אַ מיטגליד אין דער רוימישער אַריסטאָקראַטיע. בכלל געגומען ווערט יוסף בן מתתיהו פלאַוויוס פאַררעכנט ביי יידן ווי אַ פאַררעטער.

דער היסטאָריקער גרעץ, וואָס הגם ער האַלט אים אויך פאַר אַ פאַררעטער, זאָגט וועגן אים אָט וואָס: „יוסף בן מתתיהו האָט פאַרמאָגט אַן אויסער־געוויינלעך ליטעראַרישן טאַלאַנט“. ווען די רוימער האָבן באַלאַגערט ירושלים האָבן זיי אַרויסגעשטעלט יוסף בן מתתיהו, אַז ער זאָל אַפּעלירן צו די יידן זיך אונטערצוגעבן, „ווייל — די רוימישע ממשלה איז איינגעשטעלט פון גאָט“.

די רוימער האָבן פלאַוויוסן געגעבן אַ נחלה, בירגעררעכט און באַפרייט אים פון צינזן.

ווען די רוימער האָבן אַטאַקירט און חרוב געמאַכט ירושלים, האָט פון איין

זייט יוחנן בן זכאי געגרינדעט זיין ישיבה אין יבנה, און פון דער צווייטער — איז זיך געזעסן יוסף בן מתתיהו אין זיין נחלה און געשריבן די יידישע געשיכטע אונטער דעם שוץ פון די רוימער. ער האָט אָנגעשריבן צענדלינגער בענד. וועגן דער „יידישער מלחמה״ האָט ער געשריבן זיבן ביכער. און ניט נאָר באַשרייבט ער די מלחמה, נאָר ער נוצט עס אויך אויס זיך צו פאַרטיידיקן.

ער האָט אויך אָנגעשריבן 20 בענד „יידן ווי אַן אַנטיקוואַר פאָלק״. ער גיט דאָרט אַ היסטאָריש בילד וועגן די יידן, לויבט און גלאָריפיצירט זיי. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ באַנד פון זיין אויטאָביאָגראַפיע. אַלע זיינע ווערק האָט ער געשריבן אין אַראַמעאיש און אַליין זיי איבערגעזעצט אויף גריכיש און לאַטיין. דער אָריגינאַל איז פאַרלוירן געגאַנגען.

דובנאָוו באַצייכנט פלאַוויוסן: „דער שלימזלדיקער פאַרטיידיקער פון גליל״. „די וויכטיקסטע מקורים פאַר דער געשיכטע פון דער יהודה־העלעניש־רוימישער תקופה זיינען די ווערק פון יוסף פלאַוויוס. די דאָזיקע ווערק פאַרנעמען צווישן די מקורים צו דער געשיכטע פון אָט דער תקופה פונקט אַזאַ צענטראַל אָרט, ווי די ביבל אין דער געשיכטע פון דער פריערדיקער עלטסטער תקופה״.

16.

וועגן געשיכטע בכלל און — ציטאַטן פון היסטאָריקערס:

דאָס גריכישע וואָרט „היסטאָריא״ מיינט פאָרשן, אויסגעפינען.

אינטערעסאַנט איז זיך צו באַקענען מיט דעם ווי אַזוי היסטאָריקערס האָבן באַטראַכט געשיכטע און איר באַטייט.

די אַלטע גריכן האָבן באַטראַכט היסטאָריע ווי אַ צווייג פון ליטעראַטור. די רוימער — ווי אַ מיטל פאַר זייער פּאַטריאָטיזם אויף צו גלאָריפיצירן די רוימישע אימפּעריע.

צווישן די מאָדערנע היסטאָריקערס, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט זייער קוק אויף געשיכטע, זאָגט צב״ש פּראָפ׳ אַקערשאַט: „געשיכטע איז דעם היסטאָריקערס דערפאַרונג און ווערט דורך קיינעם, חוץ אים, ניט געשאַפן״.

אינטערעסאַנט באַקומט זיך דאָס וואָרטשפּיל פון ענגליש: „היסטאָרי״ (History). אַז דאָס וואָרט ווערט פאַנאַנדערגעטיילט, באַקומען מיר 2 ווערטער: וואָס דער טייטש איז „זיין געשיכטע״, דאָס הייסט אַז דער היסטאָריקער שרייבט און אינטערפּרעטירט געשיכטע ווי ער וויל.

דער היסטאָריקער פערערא: „די פונדאַמענטאַלע קראַפט אין געשיכטע איז דער פּסיכאָלאָגישער פאַקטאָר און ניט דער עקאָנאָמישער״.

דאָס רוב היסטאָריקערס האָבן ניט באַטראַכט געשיכטע ווי אַ וויסנשאַפט. טאַינבי: „געשיכטע איז אַ צוזאַמענגוס פון פּאָעזיע און פילאָסאָפיע". קראָסע (Croce): „געשיכטע איז ניט קיין וויסנשאַפט. קיין היסטאָריקער קען ניט פּאָרויסזען די צוקונפט, ווייל געשיכטע חזרט זיך ניט איבער". אַנדערע היסטאָריקערס זאָגן אַז געשיכטע האָט ניט קיין פעסטגעשטעלטע געזעצן, כדי מען זאָל זי קענען אָפּשאַצן ווי אַן עקזאַקטע וויסנשאַפט. לויט טאַינבי דאַרפן „טראַדיציע און די פאַרגאַנגענהייט ווייזן דעם וועג צו דער צוקונפט", און „דער היינט איז דער סך־הכול ביז היינט", ד"ה: מען לעבט מיט דער פאַרגאַנגענהייט.

אַ היסטאָריקער האָט געזאָגט: „געשיכטע איז אַן אינסטרומענט וואָס פירט צו אַ העכערער פאָרעם פון בירגערשאַפט און פּאַטריאָטיזם".

„די טעטיקייט פון אַ היסטאָריקער דאַרף פאַרגליכן ווערן צו אַ קינסטלער איידער צו אַ וויסנשאַפטלער".

דער היסטאָריקער קאָלינגווד: „געשיכטע איז די געשיכטע פון דענקען. מאָדערנע געשיכטע איז דער קאַמף פאַר אידעען".

דער היסטאָריקער פּאָוויק[12]) זאָגט: „אויב מיר פאַרמאָגן ניט קיין קאָנסטרוקטיוון בליק אויף דער פאַרגאַנגענהייט, ווערן מיר אַריינגעשלעפּט אין מיסטיציזם און ציניזם".

דער היסטאָריקער ראָטעק (Rotteck) זאָגט (אין 1812): „געשיכטע איז געווען דער איינציקער אינסטרומענט דורך וועלכן מען האָט געלערנט חכמה".

דער היסטאָריקער טעין: „געשיכטע איז אַן אָנגעווענדעטע פּסיכאָלאָגיע"... „נאַטור דאַרף מען באַהאַנדלען וויסנשאַפטלעך, און געשיכטע פּאָעטיש".

דער איבערוויגנדיקער טייל היסטאָריקערס פון 19טן יאָרהונדערט האָט געהערט צו דער אידעאַליסטישער שול. אַזוי, למשל, דער היסטאָריקער אַקטאָן זאָגט: „געשיכטע איז פריער פון אַלץ אַ גייסטיקער פּראָצעס, אָדער די פאַרפיקסירונג פון טראַנספאָרמאַציע און דורכפירבאַרקייט פון אידעען און אידעאַלן"... „געשיכטע איז די פאַרשטעלונג פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז אויסגעפאָרמירט געוואָרן דורך דער קאָמבינאַציע פון פאַנטאַזיע און אינטעלעקט, באַזירט אויף דער ירושה וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן פון פריערדיקע דורות"... „דער היסטאָריקער פון געשיכטלעכע געשעענישן און אידעאָלאָגיעס איז אויך דער וואַכזאַמער שומר פון מאָראַל"... „יעדע סיסטעם פון מענטשלעכן דענקען אָדער אַקציע האָט אַ דאָמינירנדיקע שייכות צו מענטשלעכע ענינים אין פאַרגלייך מיט דאָס איבערנאַטירלעכע אָדער אַבסטראַקטע"... אין יעדער עפּאָכע פון דער געזעלשאַפט ווערט די לערע פון געשיכטע געלערנט ווי אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, לויט די טענדענצן פון צייט און אָרט". „געשיכטע איז אַ פּראָגרעסיווע וויסנשאַפט".

---

[12]) Powicke

דער היסטאָריקער וויקאָ: „געשיכטע איז דאָס לעבן פון הומאַניסטישן געדאַנק, וואָס איז אין אַ פּערמאַנענטן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג און פּראָגרעס, סיי אין צייטן פון ירידה און סיי אין צייטן פון אויפשטייג. יעדע תקופה איז גלייכצייטיק פאַרבונדן מיט די, וועלכע זיינען שוין אַוועק, און מיט די וועלכע דאַרפן נאָך קומען".

דער היסטאָריקער בערד (Charles A. Beard), אין קעגנזאַץ צום רוב אַנדערע היסטאָריקערס און היסטאָריאָסאָפן, שטרייכט אונטער די גרויסע און וויכטיקע ראָל וואָס דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר שפּילט אין גאַנג פון געשיכטע. ער זאָגט: „היסטאָריע איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף און פון די פירערס פון קלאַסן־קאַמף".

אָט וואָס ער זאָגט וועגן געשיכטע בכלל: „להיפך צו דעם פיזיקער אָדער כעמיקער איז דער היסטאָריקער ניט קיין פּערזענלעכער אָבסערוואַטאָר פון גע־שעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען ניט אין זיין צייט. ער קען ניט זען קיין היסטאָרישע פּאַסירונג מיט זיינע אייגענע אויגן, אָט אַ שטייגער ווי דער כע־מיקער וואָס זעט די צוזאַמענמישונגען אין זיינע עקספּערימענטן בפועל ממש. דער היסטאָריקער מוז „זען" די אַקטואַליטעט אין גאַנג פון געשיכטע דורך דעם מעדיום פון פאַרצייכענונגען, דאָקומענטן, מעמואַרן, פּאַפּירן און מאָנו־מענטן. דאָס איז זיין איין־און־איינציקער מקור צו זען געשעענישן פון דער פאַרגאַנגענער תקופה. אַזעלכע קוואַלן זיינען פאַראַן לרוב, זיי אונטערשיידן זיך בלויז אין דער אמתדיקייט פון דאָס געשעענע און אין דער אויטענטישקייט און עכטקייט פון די באַריכטן".

„יעדער פאַרשטענדיקער מענטש קען שרייבן אַ געוויסן מין געשיכטע, איז ביכולת צו דערציילן אַ מעשה, קען צונויפזאַמלען אין שריפט פּאַסירונגען, באַשרייבן זאַכן, וווּנדערלעכע צופאַלן, בעת קיינער וואָלט ניט וואַגן צו שרייבן וועגן פיזיק אָדער כעמיע, ניט האָבנדיק פאַר דעם די געהעריקע צוגרייטונג. עס איז אָבער ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אָפּשטעלן עמעצן, יעדן ליבהאָבער פון געשיכטע, פון ארייננקוקן אין עטלעכע דאָקומענטן, בריוו אָדער מעמואַרן און פּאַרטיק מאַכן אַ 'געשיכטע' אפילו נישט אריינטראַכטנדיק זיך טיף אין דעם".

היסטאָריקער האָבן געשריבן פון עבר, אָפט מיט אַ סך פּרטים, אָבער מען האָט איגנאָרירט דעם היינט און דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די מאַסן. זיי האָבן געזוכט די סיבות פון געשעענישן אין כמעט אַלע „קעשענעס", חוץ אין דער „קעשענע" ווו זיי האָבן זיי יאָ געקענט געפינען — די עקאָנאָמישע. מאַנכע היסטאָריקער האָבן זיך אַזוי לאַנג געגריבלט און געפּילפּולט וועגן היסטאָ־רישע געשעענישן פון אַמאָל — אין זייערע קאַבינעטן און ביבליאָטעקן — אַז אָן זיי גופא האָט זיך אויך אָנגעקלעפּט דער שימל פון אַמאָל. זיי האָבן פאַרוואַנדלט געשיכטע אין פאָטאָגראַפישע בילדער און ביאָגראַפיעס פון אַמאָל. דעריבער ווערט געשיכטע ביי דעם דורכשניטלעכן מענטשן באַטראַכט ווי דאָס

וואָלט בלויז געווען אַ קוריאָזיטעט און טשעקאַווע פּאַסירונג. עס איז דער בייגער פון וויסן דעם אָנהייב פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג און ווי ס׳האָט אויסגעזען דער אַמאָל.

איך האָב געפּרעגט אַ סך ביבליאָטעקאַרן און זייערע געהילפן, וואָס די מענטשן, וועלכע נעמען ביכער וועגן געשיכטע צום לייענען, טראַכטן, און די ענטפערס זיינען געווען אַן ערך: ביי די היסטאָריע־לייענער איז פאַראַן אַ געוויסע נאָסטאַלגיע און נייגעריקייט פאַר דעם אַמאָל, דאָס זעלבע ווי צו אַ גאַלעריי אָדער מוזיי פון אַנטיקן. עס אימפּאָנירן דעם לייענער זייער שטאַרק די העלדן פון אַמאָליקע צייטן, ווייל געשיכטע איז געוויינלעך ליטעראַריש פיין געשריבן, און ביאָגראַפיעס פון העלדן לייענען זיך ווי אַ ראָמאַן.

דער צוגאַנג צו געשיכטע איז אויך ווי צו אַ טעמע וואָס איז אינטערעסאַנט און פּיקאַנט.

דער פאָרזיצער פון אַ היסטאָרישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן[13], אַפּריל 1966, האָט געזאָגט אין זיין דערעפענונג־רעדע: „געשיכטע ווערט ביי דעם געוויינלעך געבילדעטן עולם באַטראַכט ווי אַ געוויסע פאַרוויילונג". ווי שוין געזאָגט, מען לייענט געשיכטע זיך צו פאַרווילן און ניט ווי אַ לערע וואָס האָט צו טאָן מיט דעם לייענער גופא. מע לייענט געשיכטע ווי בילדערישע געשעעניש פון דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער ניט ווי דעם אַנטוויקלונג־גאַנג פון דער מענטשהייט פון וועלכער יעדער איז אַ טייל. ווי זאָגט פּראָפ׳ קאַר: „אַזוי גיך ווי מיר ווערן געבוירן, הייבט די וועלט תיכף אָן צו אַרבעטן איבער אונדז און פירט אונדז אַריבער פון בלויז אַ ביאָלאָגישן אָביעקט צו אַ סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן איינס".

17.

וואָס איז געשיכטע?

אין אונדזער תקופה איז אַנערקענט, אַז געשיכטע און דער גאַנג אירער ווערן געשאַפן אָדער ווערן פאַרגעזעצט פון מענטשן גופא.

דער סוף פון „אַמאָל" איז אין גאַנצן אַן ערך 300 יאָר אַלט, ווייל די אַזוי גערופענע מאָדערנע געשיכטע הייבט זיך ערשט אָן פון 17טן י״ה. מיר ווייסן היינט מער וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ סך הונדערטער יאָרן צוריק, ווי מ׳האָט עס ווען פריער געוווסט, ווייל היינט זיינען פאַראַן וויסנשאַפטלעכע און נייע טעכנישע מעטאָדן און מיגלעכקייטן צו טאָן פאָרשערישע אַרבעט. אָבער קיין גענוי בילד קענען מיר נאָך אַלץ ניט האָבן, ווייל — ערשטנס: האָט מען דאָס פאַרצייכענען געשעענישן, וואָס ווערט היינט אָנגערופן געשיכטע, ניט באַ־

[13] Geofrey Barraclough

טראַכט ווי אַ וויכטיקן פאַקטאָר צוליב דעם, וואָס אַלץ איז דאָך פון פאָרויס פון גאָט באַשטימט. צווייטנס: די כראָניקער, די א״ג געשיכטע־פאַרצייכענער, האָבן געהערט צו די הערשנדיקע און פריווילעגירטע שיכטן. דריטנס: אין די אַלטע צייטן פלעגט מען ניט קאָפּירן נאָר איבערמאַכן ביכער. צוויי ביכער פון איין און דער זעלבער פאַסירונג פלעגן דאָך זיין אַבסאָלוט אַנדערש. פערטנס: גאָר אַ סך אינפאָרמאַציע איז פאַרניכטעט און פאַרברענט געוואָרן, און פיל דאָ־קומענטן זיינען פאַבריצירט און פאַלסיפיצירט געוואָרן.

געדאַנקען פון היסטאָריקערס מיט אַ וויסנשאַפטלעכן קוק אויף געשיכטע:

פּראָפ׳ קאַר[14]): געשיכטע איז ניט קיין זאַך וואָס ווערט קאָנטראָלירט פון אַן איבערנאַטירלעכער קראַפט — גאָט, ווי די טעאָלאָגן באַטראַכטן געשיכטע. געשיכטע איז אויך ניט קיין ליטעראַטור, אַ קאָלעקציע פון דערציילונגען, פאַ־סירונגען און לעגענדעס וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. ביידע באַגריפן האָבן קיין זאַך ניט צו טאָן מיט געשיכטע״.

„די פאַרגעשריטענע געשעענישן אין דער מענטשלעכער געשיכטע זיינען באַגאָסן מיט טייכן בלוט צוליב די הערשער פון פינצטערניש וועלכע קענען ניט פאַרטראָגן די שיין פון ליכט״... „געשיכטע האָט אַ באַטייט און איז אָביעק־טיוו נאָר דעמאָלט, ווען זי פאַרפעסטיקט אַ געהעריקן צוזאַמענבונד צווישן דעם נעכטן און דעם היינט״... „דער עבר איז אונדז פאַרשטענדלעך נאָר דורך דער פריזמע פון דעם היינט, און מיר קענען גרינגלעך פאַרשטיין דעם היינט בלויז אין ליכט פון דער פאַרגאַנגענהייט״... „עס איז נישט פאַראַן קיין סתירה אין דעם וואָס דער היסטאָריקער געהערט צו דעם היינט און די גע־שעענישן געהערן צו דעם נעכטן״... „דער היסטאָריקער דאַרף אויפווייזן די קאָנפליקטן וואָס זיינען פאַרגעקומען, זיי אַנאַליזירן און אָנצייכענען צו וואָס זיי פירן״... „געשיכטע איז ניט בלויז אַ זאַמלונג פון פאַקטן, וואָס זיי בעטן זיך אויסגעטייטשט צו ווערן, נאָר אין יעדן פאַקט זיינען פאַראַן פאַרשיידענע שטראָ־מען — פאָזיטיווע און נעגאַטיווע״.

שמעון דובנאָוו: „היסטאָריאָגראַפיע, ווי איינע פון די וויכטיקסטע אָפּ־צווייגן פון סאָציאָלאָגיע, שיידט זיך אונטער פון די אַנדערע וויסנשאַפטן מיט דעם, וואָס זי שטעלט־איין נישט נאָר די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, נאָר זי פירט אויך דורך אַ מישפּט איבער דעם, וואָס די היסטאָרי־

[14]) אַלע ציטאַטן פון היסטאָריקער פּראָפ׳ קאַר, זיינען פון זיין בוך "What is History"

שע פערזענלעכקייטן און קאָלעקטיוון האָבן אויפגעטאָן"... „די געלערנטע מיט זייערע שמאָלע גייסטיקע האָריזאָנטן, שטרעבן צו פאַרוואַנדלען די לעבעדיק־סטע וויסנשאַפט, 'די לערערין פון לעבן' אין אַ מוזיי־מומיע"... „געשיכטע באַ־לויכט דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער מענטשהייט".

18.

איז אייגנטלעך וואָס איז געשיכטע ?

געשיכטע איז ניט קיין בית־עולם ווו עס ווערן באַצייכנט מצבות פון הער־שער און העלדן. געשיכטע איז אויך ניט קיין קייט, וואָס איז געמאַכט פון רינגעלעך פאַרטריקנט מענטשלעך בלוט. געשיכטע איז אויך ניט קיין סטראַ־שידלע פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל — געשיכטע איז ניט וועגן טויטע, נאָר וועגן לעבעדיקע מענטשן אַזוי ווי מיר; מענטשן וואָס האָבן געשטרעבט און געקעמפט פאַר גערעכטיקייט און פאַר פרייהייט, וואָס האָבן געוואָלט בעסערע אַרבעט און לעבן־באַדינגונגען. געשיכטע איז אַן אַלזייטיק און אַלץ־אַרומנע־מענדיק בילד פון מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט פאַר אונדזער צייט. זי שפּיגלט אָפּ זייערע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע אויפ־טוען און דערגרייכונגען. געשיכטע פאַרבינדט אונדז מיט דעם עבר, באַלויכט און רעגט אָן צו טראַכטן וועגן דער צוקונפט.

מיר זיינען ניט אַ טייל פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר דער סך־הכול אירער. דער היינט איז דער סך־הכול פון ביז־היינט פּלוס דעם היינט. אָן דעם היינט שפּילט די פאַרגאַנגענהייט קיין ראָל ניט. דער עבר שאַפט די קאָנטינו־איטעט פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס און זיין פאָרויסגאַנג אין דער מענטש־לעכער אַנטוויקלונג. מיר נעמען אָן די פאַקטן און געשעענישן, וואָס די היס־טאָריקערס גיבן אונדז איבער אין זייערע פאַרשאַרבעטן, אָבער דאָס מיינט בשום אופן ניט אַז מיר דאַרפן אָננעמען אויך זייערע אויסטייטשונגען און אָפּשאַצונגען פון די געשעענישן.

געשיכטע, ווי אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם אַנטוויקלונג־פּראָצעס פון מענטשלעכן לעבן און שטרעבן, איז נאָך פאַרהעלנישמעסיק אַ יונגע וויסנשאַפט.

פּראָפ' קאַר: „אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט (דעם 20טן — ל.פ.) איז נאָך אַלץ געווען די אָנגענומענע מיינונג, אַז געשיכטע איז די ביאָגראַפיע פון גרויסע מענטשן".

דער ערשטער אָנערקענטער מאָדערנער היסטאָריקער איז לעאָפּאָלד פאָן ראַנקע (געשטאָרבן אין 1886). ער האָט אַרויסגעגעבן זייער פיל געשיכטע־

ביכער וועגן פאַרשיידענע לענדער און פעלקער און אויך „וועלט־געשיכטע" אין 9 בענד. ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז געווען קאָנסערוואַטיוו און זייער רעליגיעז, האָט ער זיך באַצויגן אָן פאָראורטייל וואָס שייך ראַסע און רעליגיע. ער האָט געזאָגט: „עס איז ניט מיגלעך פאַר אַ היסטאָריקער זיך צו קאָנצענטרירן בלויז אויף איין פאָלק". און „די היסטאָריקערס — געשיכטע־פאָרשער — טיילן אָפּ די שאָלעכץ און דערגרונטעוועון זיך צום עיקר". „דער ציל פון געשיכטע איז אַ הייליקע אַרבעט, עס רייניקט די נשמה".

19.

געשיכטע געהערט צו דער משפּחה פון עקזאַקטע וויסנשאַפטן

ווען איך רייד וועגן געשיכטע מיין איך נאָר דעם שטענדיקן דינאַמישן פּראָצעס, וואָס בעת אין זיין גאַנג שטרעבט ער צו ברענגען די מענטשהייט צו אַ מער אָרגאַניזירטער מדרגה פון ווילזיין. אָט פון דעם פּראָצעס שאַפן די היסטאָריקערס די מאָדערנע געשיכטע — וואָס דובנאָוו באַצייכנט ווי „די לעבעדיקסטע וויסנשאַפט".

ביי די מערסטע היסטאָריקערס, פילאָסאָפן פון געשיכטע און ביי די אינטעלעקטואַלן בכלל איז דער צווייג געשיכטע פאַררעכנט אין די ראַמען פון הומאַניסטיק, צווישן די אַ"ג „טויטע" וויסנשאַפטן, ווי צב"ש: קלאַסישע און מאָדערנע ליטעראַטור, פילאָלאָגיע, פילאָסאָפיע א"א. די סיבות וואָס זיי גיבן אָן פאַר דער דאָזיקער קלאַסיפיקאַציע זיינען: ווייל געשיכטע חזרט זיך ניט איבער, זי פאַרמאָגט ניט דעריבער קיין פעסטגעשטעלטע געזעצן און פּינקטלעכקייט. אָבער די אָפּשאַצונג איז ניט קיין ריכטיקע. למשל, פּראָפ' קאַר — אַ היסטאָריקער וואָס שאַצט אָפּ געשיכטע ווי אַן עקזאַקטע וויסנשאַפט — גיט אין אַ גרויסער מאָס אַן ענטפער אויף די אויבן דערמאָנטע טענות. ער זאָגט. „געשיכטע חזרט זיך ניט איבער, ווייל צוויי געשעענישן זיינען קיינמאָל ניט די זעלבע"... „ווי אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן ווערט געשיכטע אָפּגעשאַצט און קאָנטראָלירט דורך פאַרשיידענע סיבות פון פּערמאַנענטער ענדערונג"... „געשיכטע קען ניט האָבן די אַבסאָלוטע פּינקטלעכקייטן ווי אַנדערע וויסנשאַפטן, ווייל געשיכטע האָט צו טאָן מיט מענטשלעכע געשעענישן, וואָס ווערן אָפט באַווירקט פון ניט פאָרויסגעזעענע קאַפּריזן"... „די געשיכטע פון דער מענטשהייט גייט ניט אין קיין גלייכער ליניע, זי האָט גוואַלדיקע שטערונגען, זיגזאַגן, מפּלות און ניצחונות"... „דאָס לעבן און שטרעבן פון דער מענטשהייט קען ניט

זיין סטאַטיש — ווייל דאָס געזעלשאַפטלעכע און אַלגעמיינע לעבן גייט די גאַנצע צייט דורך אַ פּראָצעס פון אַנטוויקלונג״.

עס איז פאַרשטענדלעך פאַר וואָס מ׳האָט פאַרוויגט געשיכטע אין דער הומאַניסטישער וויג, ווייל ביז מיט אַן ערך 200 יאָר צוריק האָט געשיכטע בכלל ניט געהאַט קיין וויסנשאַפטלעכע פעסטגעשטעלטע באַזע און קיין וויסנשאַפט־לעכע אַנטוויקלונג. ס׳איז געווען אָנגענומען אַז אַלץ־און־אַלץ איז מן השמים, און די עקאָנאָמישע באַזע פון געשיכטלעכן פּראָצעס איז אַפילו ניט געווען אָנערקענט.

היינט האָט דער גאַנג פון געשיכטע אַ וויסנשאַפטלעכע באַזע און דאָס איז — די דינאַמישע עקאָנאָמישע אינטערפּרעטאַציע פון די געשיכטלעכע געשעע־נישן. דער קאַמף פאַר אַ יושרדיקער, שענערער שטופע און ווילזיין פון עקאָ־נאָמישער עקסיסטענץ, דאָמינירט דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע. געשיכטע וואַרפט זיך אונטער די הויפּט־וויסנשאַפטלעכע געזעצן ווי כעמיע און פיזיק — סיבות, אויסווירקונגען און רעזולטאַטן — הגם זי איז אַ וויסנשאַפט פון אַן אַנדער קאַליבער. היסטאָריע איז ניט סטאַטיש, די שאַפונג פון גע־שיכטע איז די גאַנצע צייט אין אַ דינאַמישן גאַנג. היסטאָריע איז אַ „לעבע־דיקע״ וויסנשאַפט, ווייל זי באַלויכט דעם פאָרויסגייענדיקן פּראָצעס פון דער מענטשהייט. איז דאָך דער גאַנצער היסטאָרישער פּראָצעס ניט מער ווי אַ סך־הכול פון סיבות, וועלכע האָבן באַווירקט און פאָראויסגעזאָגט דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. די דאָזיקע אַנטוויקלונג פירט צו אַ יושרדיקער און העכערער שטופע פון ווילזיין און צו אַ בעסערער עקאָנאָ־מישער עקסיסטענץ.

די געשעענישן וואָס שטויסן צו דעם פאָרויסגאַנג פון געשיכטע, און ווערן וויסנשאַפטלעך אַנאַליזירט און באַגרינדעט פון היסטאָריקערס, פונקט ווי די אַנדערע עקזאַקטע וויסנשאַפטן, טראָגן אין זיך די שטרעבונג צו אַ העכערער פאָרעם פון דערגרייכונגען און ווייטערדיקער פּערפּעקציע.

אין אונדזער צייט, בעת אַזעלכע וויסנשאַפטן, למשל, ווי כעמיע און פיזיק ווערן „פאָרויסגעשטופּט״ בלויז אין די לאַבאָראַטאָריעס, ווערט אָבער די וויסנשאַפט פון געשיכטע „פאָרויסגעשטופּט״ דורך דער גאַנצער מענטשהייט.

די מענטשלעכע געשיכטע נעמט אַרום די גאַנצע וועלט מיט זייער פיל פעלקער און לענדער, וועלכע געפינען זיך אויף פאַרשיידענע שטאַפּלען פון לעבנסשטייגער און אַנטוויקלונג, סיי עקאָנאָמיש און סיי גייסטיק.

די אַנטוויקלונג פון געשיכטע איז אָפּהענגיק פון עקסיסטירנדיקע נאַציאָ־נאַלע טראַדיציעס, אַבערגלויבענישן, ריטואַלן, נערוואַניזם, לעטאַרגיע, פּרימי־טיווקייט און הינטערשטעליקייט. חוץ דעם איז די אַנטוויקלונג פון געשיכטע אויך אָפּהענגיק פון קלימאַטישע באַדינגונגען, פּרוכטבאַרקייט פון באָדן, סכום

רעגן און זון, וויסטעניש און טריקעניש, פּראָסט און היץ און סתם נאַטור־קאַפּריזן, שעדלעכע באַשעפענישן און אינזעקטן, באַרגיק לאַנד און טאָלן און מינעראַל־רייכטימער, שטופּע פון פּאַרמעריי און פון אינדוסטריע, האַנדל־פּאַרקער און נאָך פיל אַנדערע. ווי געזאָגט איז געשיכטע אַ ברייט אַרומנעמענ־דיקע וויסנשאַפט פון גאַר לאַנגע צייטאָפּשניטן און פון אַ סך צווייגן פון אונדזער לעבן. איר טעריטאָריע איז — די גאַנצע וועלט.

יעדער פאָלק שאַפט זיך זיין אייגנאַרטיקע געשיכטע — דער זיגזאַגישער קאַמף פאַר באַפרייאונג און פאַר אַ בעסערן און שענערן לעבן — סיי עקאָנאָ־מיש און סיי קולטורעל. און אַלע צוזאַמען — ווי טייכן וואָס פליסן אַריין אין אַ ברויזנדיקן ים — שאַפן די אוניווערסאַלע געשיכטע פאַר דער פּראָגרעס־גייענדיקער מענטשהייט.

דער 19טער יאָרהונדערט האָט אַוועקגעשטעלט געשיכטע אויף וויסנ־שאַפטלעכע רעלסן, און ווי אַלע וויסנשאַפטן מוז זי גיין פאָרויס.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז להיפך צום 19טן יאָרהונדערט שרייבט מען לעצטנס ווייניק וועגן דער פילאָסאָפיע פון געשיכטע. די סיבה איז פאַרשטענדלעך: די שאַפונגען פון דענקער און פון דענקען בכלל ווערן אַלץ מער געבויט אויף דער וויסנשאַפט, און ס׳איז קוים געבליבן פּלאַץ צו שרייבן געשיכטע אָן אַ וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג.

וואָס מער דער מענטשלעכער באַוווסטזיין און די וויסנשאַפט אַנטוויקלען זיך, אַלץ מער וואַקסט דער דורשט נאָך דענקער, וואָס זאָלן באַלייכטן די וועגן וואָס פירן צו אַ העכערער מדרגה פאַר דעם מענטשנס לעבן־שטייגער.